CAT

מ. וואנווילד.

# פסיידא־קונסט

— און —

# פסיידא־קריטיק.

(דער „דיבוק" פון ש. אנ־סקי. — פאטאלאגיע פון פובליקום. —
ווי הערמאן פלם רעזשיסירט. — גייסט תאם שנעלן עולה־רגל אין
ווילנער טעאטער. — רעצענזענטן־עבירות און רעצענזענטן־געשמאק.)

לאדז. — 1921.

דרוקערײַ „קולטור", לאדז, רעוואלוציאנס 10.

Stockton, Calif.

the Jewish theological seminary of america
והסנה איננו אכל
LIBRARY

1921

Dickstein, Moses Joseph

## 1.

כדי זיך באַלד לכתחלה צו בעוואָרענען געגען אַלע מעגליכע מיספערשטענדנישען — הגם דאָס וועט מיר מן הסתם וועניג־וואָס העלפען — זאָל נאָך דאָ בפירוש בעמערקט ווערען, אַז דער אַדיעק־טיוו „פסיידאָ” אין טיטעל־זאַץ איבער אָט די שורות, געהט דאָ באמת נישט אַזוי אויפ׳ן חשבון פונ׳ם ווערק פון פערשטאָרבענעם ש. אַנ־סקי (וועגען וועלכען איך ערלויב מיר אפשר צו אויספיהר־ליך צו רעדען), נאָר אָט דער „פסיידאָ” בעציהט זיך כמעט אויס־שליסליך אויפ׳ן חשבון פון ענינים, וועלכע זענען דערפון ערשט דערנאָך אויסגעוואַקסען, און זיי האַלטען זיך מיט גרויס עקשנות און ס׳איז פון זיי נישט פטור צו ווערען. אפילו די אפיקורסיש־מאָראַליזירענדע קאָנקורענץ־פיעסע „מיט׳ן כח פון דבוק” פערפאַסט פון מ. קיפניס און ב. יאושזאָהן, וואָלט אויך אָהן אַזאַ אַטמאָספע־רע נישט מעגליך געווען.

אָבער דאָס ווערק גופא, „דער דבוק” פון ש. אַנ־סקי, וועלכע ווערטען פערמאָגט עס? פון וועלכער בעדייטונג? אין וואָס בעשטעהט אַנ־סקי׳ס פערדינסט?

בעפרייט מען דעם אינהאַלט פון דער דראַמאַטישער פאָרם, קאָן זיך דער ספור־המעשה פונ׳ם „דבוק” אָנהויבען מיט דעם, וואָס דער בחור חנן בן ניסן קומט ערגיץ פון ליטאָ קיין בריניץ אין דער ישיבה אַריין לערנען תורה, און עסענדיג טעג ביים בריניצער גביר דעם מיראָפאָליער חסיד סענדער בן העניע, נעהמט ער און פערליבט זיך אין גביר׳ס בת־יחידה לאה. און זי אין איהם.

ווי איהר זעהט, איז עס אַ ליבעס־געשיכטע. ליבע? דאָס איז ביי אונז אַ גאַנץ מאָדערן וואָרט און עס פאַסט זיך נישט אַהער,

* Vanvild still uses Freudian categories tentatively: unsure whether Leah's kissing the ספר־תורה is an expression of her erotic desire.

נישט פאַר די פּע־זאָנען, נישט פאַר דער סביבה און נישט פאַר דער צייט, ווען דער ספּור־המעשה דאַרף פאָרקומען. אַזעלכע ווי חנן און לאה פּיהרען נישט קיין ליבע. חנן איז געבענשט מיט אַ הויכער נשמה און עס זעהט נישט אויס, אַז זיין ציל זאָל זיין די בתולה לאה. ער דערהויבט זיך פון איין מדרגה צו דער אַנדערער. אין בריניץ שמ'ט ער פאַר'ן ערשטען בחור און בעקומט סמיכה אויף הוראה. אַלע אין שטעדטיל ווייסען, אַז דאָס איז אַ טייערע כלי, אַן עלוי, אַן אייזערנער קאָפּ, פינף הונדערט בלאַט גמרא אויסווענינג אויפ'ן פינגער! און לאה איז אַ גאָטספאָרכטיגע יודישע טאָכטער, אַ כשר קינד. „זי געהט מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען און טרעט נישט אַרויס פון מיין ווילען" — איז דער פאָטער איהרער מעיד אויף איהר.

love motif foreign to the trad. setting

אַ געלעהרטער ווי זיגמונד פרויד וואָלט לויט זיין טעאָריע פון פּסיכאָ־אַנאַליז דעם גאַנצען ווייטערדיגען פערלויף פון חנן'ס לעבענס־שיקזאַל ערקלערט אָהן איבריגער מיה אַלס ערשיינונג פון אונבעוואוסטער סעקסועלער עראָבערונגס־לוסט. אויך לאה'ס לעבענס־שיקזאַל וואָלט ער אונז אויף אַן ענהליכען אופן אויסגעטייטשט און ערקלערט. צום ספּור־המעשה האָט עס פונדעסטוועגען אַ קנאַפּען שייכות. דער אינטערעס איז נישט אָבהענגיג פון דער ריכטיגקייט, אויף וויפיל דאָס איז אַן ענין פון עראָטישער סימבאָליק. מיט די מעטאָדען פון פּסיכאָ־אַנאַליז וואָלטען אָבער פיל זאַכען בעקומען אַ מעהר פערשטענדליכען צוזאַמענהאַנג. ס'איז נישט ליבע, נאָר מעטאַפיזיק פון ליבע, דער חלום דערפון. פאַר ביידען איז אַזאַ זאַך ווי ליבע אַ שרעקליכע זינד און דאָס געפיהל זוכט זיין אויסדרוק אין די רעליגיעזע פאָרמען און אין די היימישע מדות. חנן'ס נשמה האָט זיך בעהעפט אָן דער נשמה פון לאה'ן. האָבען גראָד ביידע אַ שטאַרק זינליך טעמפעראַמענט, לאָזט עס נישט רוהען, איז דאָס יונגע בלוט נישט בעפרידיגט, וואַרימט דאָס פרומע האַרץ אַלץ הייסערע חלומות. און די זינליכע לאה האָט נישט געזוימט צו מאַכען די בעאָבאַכטונג, אז ווען חנן רעדט מיט איהר, פערכאַפּט ביי איהם דער אָטעם. און ביי איהר אויך. נאָר אַ כשר יודיש מיידעל, ווי סענדער'ס בת־יחידה, וועט זיך נישט לאָזען פאַרפיהרען פון איהר זינליכקייט. חלילה. קומט זי אין שוהל אַריין בעוואונדערן די אַלטע שענע פּרוכת'ן פון

Freudian approach

sexual desire raised to a metaphysical level

both lovers are passion-driven



טייערען קאָלירטען סאַמעט, מיט לייבען און אָדלערס אויסגעשטיקט פון דיקען גאָלד (דאָס איז, מעגליך, נאָר אַן אויסרייד זיך צו בעגעגנען מיט חנן'ען און אויף איהם אַ קוק צו טון), און דער אַלטער שמש דערלאַנגט איהר די ספר תורה צו קושען, כאַפּט זי זי אַרום און קושט זי ליידענשאַפטליך (אַן אויסדרוק פון עראָטיק?).*

אַ וואָרים קאָן אַריינדרינגען אין אַ פּרי נאָר דעמאָלט, ווען זי הויבט אָן פוילען; נאָר די ליבע איז ווי די זון, וואָס מאַכט רייף די פרוכט צו געניסען. ער איז איהר בעשערטער. זי איז זיין זווג מן השמים. און עס זענען, דוכט זיך, נישט פערהאַן קיין שום שטערונגען, קיין שום שוועריגקייטען.

דעם פאָטער לאה'ס ציהט עס צו נעהמען חנן'ען פאַר אַן איידעם. צוליב דעריין שטעלט ער ביי יעדען שדוך, וואָס מען לעגט איהם פאָר, אַזעלכע שווערע תּנאים, אַז די מחותּנים זענען אויף זיי נישט מסכּים. אַזוי אַרום זענען דריי שדוכים פונאַנדערגעגאַנגען. שפּעטער ווערט קלאָר פון וואַנען דאָס נעהמט זיך, דאָס וואָס איהם ציהט אַזוי צו חנן'ען. שולדיג אין דעם איז אַ געשעהעניש פון צוואַנציג יאָהר פריהער. סענדער בן הניע און ניסן בן רבקה (חנן'ס פאָטער) זענען אין דער יוגענד געוועזן חברים אין איין ישיבה און זייערע נשמות האָבען זיך פערקניפּט דורכאַנאַנדער אין געטרייער פריינדשאַפט. ביידע האָבען אין איין וואָך חתונה געהאַט. ווען זיי האָבען זיך נאָכדעם געטראָפען ימים נוראים ביים רבי'ן, האָבען זיי אָבגעמאַכט מיט אַ תקיעת־כּף, אַז אויב זייערע ווייבער וועלען פערנומען ווערען אין טראָגען און איינע וועט געבוירען אַ יונגעל און די אַנדערע אַ מיידעל, וועלען זיי זיך מתחתּן זיין. באַלד נאָכ'ן תקיעת־כּף איז ניסן אָבגעפאָהרען אין מרחקים און סענדער האָט נישט געהאַט פון איהם און זיין געזינד קיין שום ידיעות, חוץ אַ קורצע צייט נאָך זיין אָבפאָהרען די איינע ידיעה, אַז ער איז דאָרט אין מרחקים געשטאָרבען. בּיסלעכווייז האָט ער אינגאַנצען פערגעסען אָן תקיעת־כּף. יעצט, אַז דער בעשערטער געפינט זיך אָט דאָ ביי איהם אין זיין שטוב און זיצט ביי זיין טיש, ציהט עס (ווען ער זאָל דעמאָלט געוועזן וויסען אַז דאָס איז ניסן'ס זוהן!).

אויך מן הצד האָט מען תּרעומות און מען איז מתרעם. סענדער האָט געקאָנט טון, אַזוי ווי מען פלעגט טון אַמאָליגע צייי

טען. אַז אַ גביר פלעגט דאַרפען אַ שדוך טון, פלעגט ער נישט זוכען נישט קיין געלד, נישט קיין יחוס-אבות, נאָר יחוס-עצמו. פלעגט אַוועקפאָהרען אין דער גרויסער ישיבה, אָבגעבען דעם ראש ישיבה די שענע מתנה און יענער פלעגט איהם שוין אויסקלויבען אַ בחור פון די שופרא דשופרא. צי דאַרף דען ער, סענדער, ערשט פאָהרען זוכען? קאָן זיך דאָך טאַקע דאָ אין דער בריניצער ישיבה געפינען אַ פאַסיגער בחור פאַר זיינעטוועגען.

און חנן אַליין שווייגט אויך נישט. סענדער וויל אַ בחור פון די שופרא דשופרא – ? סענדער וויל אַ גרויסען נדן – ? סענדער וויל דאָס טעלערל פון הימעל — ?

רעכט, גוט. זאָל זיין. דורך דער הייליגער תורה איז מעגליך אַלצדינג צו דערגרייכען. ער וועט שטייגען גאָר הויך און דערגרייכען אַ קלאָרען און פינקעלדיגען דימענט, איהם צושמעלצען אין טרעהרען און איינזאַפען אין דער נשמה (אַנ'עראַטישער סימבאָל?) און... צוויי פעסלעך מיט גילדענע רענדלעך.

דער עיקר איז דאָס אַרויפשטייגען צו דער מדרגה פון אַ בעל שם, אַ בעל מופת, דאָס איבריגע איז שוין אַ שפּילכעל. וואָס למשל, טוט מען מיט אַ שם נישט אויף? מיט אַ שם מאַכט מען אָן אַ שרפה און מען פערלעשט זי גלייך מיט אַ צווייטען שם, מען זעהט וואָס עס טוט זיך פאַר הונדערט מייל פון זיך ווייט, מען צאַפט וויין פון דער וואַנד וכדומה. פערהאַן אַזעלכע שמות, וואָס מען קאָן מיט זיי בעשאַפען אַ גולם, מחיה מתים זיין, ווערען אַ רואה ואנו נראה, אַרויסרופען נישט גוטע, אפילו דעם סמך-מם, דעם סמאל, דעם שטן.

אַ מענש האָט גלוסטונגען, ער איז זינדיג, וואָס זענען זינד, און וואָס זענען מעשים טובים? און וואָס איז דער צדיק? לויט חנן'ען בעשטעהט די עובדה פון צדיקים אין דעם, וואָס זיי רייניגען די מענשליכע נשמות, רייסען פון זיי אַראָב די קליפה פון זינד און הויבען זיי אויף צו זייער ליכטיגען מקור. נאָר אַזוי ווי די דורות ווערען אַלץ שוואַכער און די זינד אַלץ שטאַרקער און צדיקים אַלץ ווייניגער, דאַרפען מיר נישט מלחמה האַלטען מיט דער זינד, נאָר אויסבעסערן זי. ווי אַ גאָלדשמיד לייטערט גאָלד אין אַ שטאַרקען פייער, ווי איין ערד-אַרבייטער זיפּט אָב פולע קערנער פון פוסטע קאָסטרע, אַזוי דאַרף מען אויסלייטערן די



זינד פון איהר טומאה, אַזוי אַז אין איהר זאָל בלייבען נאָר קדושה, נאָר דער געטליכער פונק. אפילו די גרעסטע טומאה, וועלכע איז שווערער ווי אַלץ מנצח צו זיין, די זינד פון גלוסטונגען צו אַ נקבה, לייטערט מען זי אויס אין אַ שטאַרקען פייער, ווערט פון איהר די העכסטע קדושה.

אַזוי אַרום קעמפט חנן פאַר זיין בעשערטע און האָפט צו געווינען סענדער'ן פאַר אַ שווער. און עס זעהט אויס, אַז ער פועל'ט טאַקע. סענדער לאָזט אויפ'סניי אָב דעם שדוך. דאָס פירטע מאָל שוין. און חנן פרעהט זיך און שיינט פון גליק. „איך האָב ווידער מנצח געווען!", רופט ער אויס מיט דער העכסטער בעגייסטערונג. האָט זיך אָבער תיכף אַרויסגעוויזען דער אמת אין אַ גאַנץ אַנדזער געשטאַלט. דער שידוך איז געשלאָסען געוואָרען. אין דער לעצטער רגע. מען האָט געשריבען תנאים. „תנאים? תנאים"?!, שטאַמעלט חנן ווי מבוהל און קאָן צו זיך נישט קומען. אין גרויס פערצווייפלונג זוכט ער אַנ'אויסוועג: „וואָס זשע איצטער? מיט וואָסער וועג? מיט וואָסערע כחות?". עס ענטפּלעקט זיך פאַר איהם דער סוד פון גרויסען צווייפאַכיג-אויסגעדריקטען שם, וואָס שמעלצט צונויף אין זיין פלאַם די העכסטע בערג-שפּיצען מיט די טיפסטע טאָלען און מען קאָן מיט איהם אַרויסרופען דעם שטן, און אין גסיסה-עקסטאַז פאַלט ער צו דער ערד און שטאַרבט אַוועק מיט דעם שטורם-פייערדיגען, עקזאַלטירטען „איך האָב מנצח געווען" אויף זיינע קאַלטע פערגליווערטע ליפּען.

דאָס זייניגע האָט ער פאָרט אויסגעפיהרט. לאה געהער צו איהם, איז זיין בעשערטע. זי זעהט אין חלום זיין קבר. און א י ה ם זעהט זי אויך. און ער דערצעהלט איהר וואָס מיט איהם טוט זיך. שוין גאַנץ לאַנג ווי אין איהרע חלומות זעהט זי שטענדיג זיין געשטאַלט. ביי איהם זענען געווען ווייכע ווי פערוויינטע האָר און טרויעריגע מילדע אויגען, לאַנגע און דינע פינגער, און טאָג ווי נאַכט האָט זי געטראַכט נאָר וועגען איהם און איהר האַרץ האָט זיך געצויגען צו אַ ליכטיגען שטערן. אין שטילע נעכט האָט זי זיסע טרעהרען פערגאָסען און זיס איז זיין קול ווי דאָס געוויין פון אַ פידעל אין שטילער נאַכט. און איז ער אַוועק, האָט זיך אויסגעלאָשען איהר ליכט און איהר נשמה איז פערוועלקט געוואָרען. עס זענען געקומען פ ר ע מ ד ע מענשען און

-ke suffix is term of endearment

Vardulld sees these thematic dichotomies as window dressing: "either a rhythmic motif or a moment in the momentum of the plot."

האָבּען איהם מקבר געווען אין אַ פ ר ע מ ד ע ר ערד.

אַ ליכט, אַז עס ווערט פערלאָשען, צינדט מען עס ווידער אָן און עס בּרענט ווייטער בּיז עס בּרענט אויס בּיז׳ן סוף. ווי זשע קאָן פערלאָשען ווערען אויף אייבּיג אַ נישט אויסגעבּרענטע ליכט פון לעבּען? אַז עס שטאַרבּט אַ מענש פאַר די צייט, וואו קומען אַהין זיינע געדאַנקען, וואָס ער האָט נישט געהאַט זיי ווען צו טראַכטען, זיינע מעשים, וואָס ער האָט נישט געהאַט זיי ווען צו טון; וואו קומען אַהין די קינדער, וועלכע ער האָט נישט גע-האַט זיי ווען צו האָבּען? וואו קומט דאָס אַלץ אַהין? וואו?

אויסערליך איז נאָך גאָרנישט געשעהן. ערשט בּשעת מען גרייט זיך צו פיהרען זי אונטער דער חופּה, זי, הבּתולה לאה בּת סענדער מיט דעם בּחור מנשה בּן נחמן, און דער חתן מאַכט שוין דאָס בּעדעקענס — ערשט דעמאָלט געשעהט עס אויך אויסערליך. זי רייסט פון זיך אַראָבּ דאָס דעקטוך, שפּרינגט אויף ווי אַ וויל-דע און שרייט אויס נישט מיט איהר קול: „נישט דו בּיסט מיין חתן!״.

מען געהט זי פיהרען צו דער חופּה מיט אַ פרעמדען. און ווען אַ פרעמדער מאַן דערנעהנט זיך צו איהר, איז זי ווי אַ ווי-סטע אלמנה. איהר בּעשערטער איז דאָך חנן.

„אין דער כּלה איז אַריין דער דבּוק״, הייסט עס מיט׳ן מויל פון משולח. און פאַר לאה׳ן פאַנגט אָן אַ לעבּען פון טויט און אַ פרייד פון טרויער.

און ווען דעם צדיק ר׳ עזריאלקע מיראָפּאָליער, נאָך אַ שווערער פירכטערליכע מלחמה, גיט זיך צום סוף איין פון לאה׳ן דעם „דבּוק״ אַרויסצוטרייבּען, הויכט זי דאַן אויס די כּשר׳ע נשמה איהרע און בּעהעפט זיך אויף אייבּיג מיט איהר בּעשערטען.

---

2.

בּאמת זענען פיל זאַכען לגמרי נישט אַזוי דורכזיכטיג ווי כ׳האָבּ עס געפּרובּט דאָ איבּערגעבּען. מאַנכעס איז שטאַרק פער-נעפּעלט. דער נעפּעל איז פערהאַן גלייך אַרום דעם נאָמען פון ווערק. „דער דבּוק״ איז אייגענטליך אַ בּיי-נאָמען, אַ נאָמען אין



פאַרענטעזע, דערווירקליכער נאָמען איז: „צווישען צוויי וועלטען״. צווישען וואָסערע צוויי וועלטען? צווישען דער וועלט אַרום רייכען טיש פון סענדער׳ן און דער וועלט פון די אָרים-בּחורים, בּטלנים, אבּיונים, וואָס קוים זיי דערהאַלטען דאָס בּידנע לעבּען זייערס און זייער גאַנץ עולם-הזה כאַפּען זיי אַריין מיט אַ לעק אָקעוויט און אַ הריצענעם קיכל? צווישען דער וועלט פון טומאה, פון דער סטרא דמסאבותא און דער וועלט פון קדושה, דעם עולם האצילות? צווישען דער וועלט פון קבּלה, און דער וועלט פון פּשוט׳ע יודישקייט? צווישען דער וועלט פון רשעות און דער וועלט פון שטרענגער גערעכטיגקייט? צווישען דער וועלט פון דין און משפּט און דער וועלט פון רחום וחנון? צווישען דער וועלט פון שטומער ליבּע און דער וועלט פון האַרץ-פרעמדקייט?

נאָר זאָלען מיינע ווערטער נישט דינען אַלס פּאָרוואורף. אין יעדען לעבּענס-פעהיגען ווערק פעהלען נישט קיין בּעריהרונגס-פּונקטען. עס האָט אָבּער קיין זין נישט צו זיי צוצוגעהן ווי אַ שוסטער מיט דער אָהל, אָנשטעכען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און אַוועקשטעלען דאָרט דעם טראָפּ. עס זענען פאַלשע אַקצענטען, מעהר נישט. דאָס וואָס מען וויל דערפון אויסטיילען אַלס פּראָבּלעמען, ווי זעלבּסטשטענדיגע ענינים, איז בּסך הכּל אָדער אַ ריטמישער מאָטיוו אָדער אַ מאָמענט צו דער גראַדאַציע פון דער האַנדלונג. וואָס איך מיין דאָ מיט׳ן מאָמענט פון דער גראַדאַציע, וועט זיך, מעגליך, זעהר גוט לאָזען אילוסטרירען מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון ר׳ עזריאלקע (נישט ר׳ עזריאל, ווי דער רעזשיסער הערמאַן האָט אָהן פערשטענדניש געענדערט, נאָר אונבּעדינגט לשון חבּה. אַזוי איז אויך אָנגעוויזען אין פּערזאָנען-צעטעל און אַזוי רופט איהם דער מרא דאתרא ר׳ שמשון.) וואָס טענה׳ט: אַ בּלינדע וועלט... בּלינדע שאָף געהען נאָך אַ בּלינדען פאַסטוך...

דאָ ווערט נישט אַוועקגעשטעלט צו לעזען די פראַגע פון דער פּערזענליכקייט אין קאַמף מיט די אינערליכע און אויסערליכע מניעות און נישט די פראַגע פון פעראַנטוואָרטליכקייט געגענאיבּער דעם גורל און די רעזולטאַטען פון די אויפגאַבּען, וואָס זי האָט אויסצו-פיהרען. דאָ איז מעהר נישט ווי מאָטאָריש צוגעפיהרט צו דעם פּסיכאָלאָגישען צושטאַנד פון מיקראָמאַניע, פון אייגענער מינדערווער-טיגקייט, וועלכער איז, אגב, בּלויז אַ פּאָראיבּערגעהענדיגער. עס הייסט

rich/poor

holiness/sin

kabbalah/law

justice/mercy

love/lust

quote

not means vs. ends or indiv. personality struggling w/internal & external obstacles

Trenchant critique of R. Azrielke: problematics of his own inferiority complex rather than of metaphysical issues — which is easily overcome

דאָרט: פֿערהאַן צייטען ווען בײַ איהם זענען נישטאָ קיין ספקות, ער האָט אין זיך תקיפות און האָט אַ שליטה איבער די הויכע עולמות. אָבער עס טרעפען צייטען, אַז ער פערלירט זיין זיכערקייט און איז קליין און שוואַך ווי אַ קינד. דעמאָלט נויטיגט ער זיך אַליין אין הילף. קיין סכנה איז עס נישט. אויף זיין הילף דאַרף ער נישט קיין סך צו וואַרטען. ס׳איז גענוג ער זאָל נישט פערגעסען, אַז הינטער איהם שטעהען גאַנצע דורות פון צדיקים און קדושי־עליון. ער דערמאָהנט זיך אָן זיינע אבות, אָן זיין הייליגען פאָטער, וואָס האָט דריי מאָל געהאַט גלוי אליהו... אָן דעם פעטער ר׳ מאיר בער וואָס פלעגט צו שמע ישראל אַרויפגעהן אויפ׳ן הימעל... אָן דעם זיידען, דעם גרויסען ר׳ וועלוועלע, וואָס האָט מחיה מתים געווען... און ער בעקומט צוריק זיין גדלות און פיהלט זיך ווידער בײַ די בעסטע כחות. ער געווינט זיין זעלבסטווירדע.

never raised issue of determinism & predestination

אויך דאָס פראָבלעם פון דעטערמיניזם, פונ׳ם אונפערמיידליכען און פאָראויסבעשטימטען, דאָס פראָבלעם פון פרעדעסטינאַציע איז דאָ נישטאָ. אַלע שטעלען מיט עפּעס אַן׳אָנקלאַנג דערצו, זענען געוואָרען אויסגענוצט אינ׳ם „דבוק״ דורכאויס נור, סוזשעט־מעסיג, אַלס פאַבולירשטאָף, אָהן שום טענדענץ. אַפילו דאָס פראָבלעמאַטישע פון ירידה צורך עליה אין דעם ריטמיזירטען „מחמת וואָס, מחמת וואָס — איז די נשמה — פון העכסטער הויך — אַראָב אין טיפסטען גרונד — דאָס פאַלען טראָגט — דאָס אויפהויבען אין זיך...״ אויך דער דאָזיגער מוזיקאַלישער לייט־מאָטיוו, וואָס מיט די טענער פון זיין מיסטישער מעלאָדיע הויבט זיך אָן די האַנדלונג און עס הערען זיך די זעלבע טענער ווען די האַנדלונג ענדיגט זיך, איז דורך אַנ־סקי׳ן נישט גענומען געוואָרען אַלס פראָבלעם. דען אַלס פראָבלעם האָט עס נור דעמאָלט אַ זין, ווען עס ווערט דאָ אויפגענומען דער מאָמענט פון שולד. וואָרים דער געדאַנק, אַז פון דעם פאַלען קאָן מען זיך אויפהויבען, אַז די ירידה טראָגט אין זיך די מעגליכקייט פון עליה, אַזאַ געדאַנק איז נישט פון קיין גרויסער חשיבות. ערשט, אַז מען ענטוויקעלט פון דעם אויס, ווי אַ בעזונדער יסוד, דעם מאָמענט פונ׳ם שולד־בעוואוסטזיין, דאָס הייסט, ווען מען דערפיהלט דאָס געשעהענע ווי אַ ווערט־פערניכטונג, אַ ווערט־פערלוסט — דעמאָלט ערשט האָבען מיר עס אַלס פראָבלעם. אַנ־סקי האָט געזעהן די ערשיינונג און פערזעהן דעם אינהאַלט פון דער ערשיינונג. אויף איהם ווירקט

Ansky failed to exploit the ירידה motif: where is there an awareness of or struggle with guilt?



exploits it as mere aesthetic, not tragic dimension.

דער עסטעטישער רייץ דערפון, נאָר פאַר׳ן וועזען פונ׳ם טראַגישען איז ער בלינד. פאַר אַנ־סקי׳ן איז דער גאַנצער ענין בלויז אַ ריטמישער מאָטיוו.

bête noire

מילא, אויב אַזאַ יוד ווי דער ה׳ ב. קאַרלינער אָריענטירט זיך נישט אין דעם, איז עס קיין וואונדער נישט. ס׳איז נישט זיין זאַך זיך אין דעם צו אָריענטירען. נאָר אַז אַ יוד ווי ה׳ הלל צייטלין, וואָס פערמאָגט אַנ׳ערודיציע אין ענינים פון יודישער מעטאַפיזיק און פילאָזאָפישער יודישקייט, מיט וועלכער מען דאַרף זיך גאַנץ ערנסט רעכענען, אַז ער נעהמט נישט לחלוטין אין אכט דאָ דעם פרינציפּיעלען חלוק און ערלויבט זיך אין דעם פאַל צו

sitz-im-leben

רעדען (אויפ׳ן קריטיק־אָווענד אין וואַרשאווער „ליטעראַטען־און זשורנאַליסטען פעראיין״) וועגען אַ פראָבלעם בײַ אַנ־סקי׳ן, איז עס מיר טאַקע דורכאויס אַ וואונדער. *

main critique

איך ווידערהאָל און שטרייך עס אונטער: אינ׳ם „דבוק״ איז דער „מחמת וואָס״ אַ ריין ריטמישער מאָטיוו. בכלל זענען אין „דבוק״ נישטאָ קיין פראָבלעמען, פערהאַן — און דאָס אויך מעהר אין דער פאָרם פון אָנקלאַנגען דאָ און דאָרט — בלויז דאָס פראָבלעמאַטישע, פערהאַן נעפּעלדיגע צוזאַמענהאַנגען. אָט אַ שטייגער,

דין־תורה

דער דין־תורה, צו וועלכער עס רופט דער מת טהור ניסן בן רבקה פון יענער וועלט, דעם מיראָפּאָלער חסיד סענדער בן העניע פון דער וועלט, פאַרוואָס ער האָט געבראָכען דעם תקיעת־כף. אַ פערנעפּעלטער צוזאַמענהאַנג. אמת, זיין קרוין פון קאָפּ איז פון איהם אַראָבגענומען געוואָרען און ס׳איז פערלאָשען געוואָרען אויף אייביג זיין ליכט. ער איז געבליבען אָהן אַ נאָמען, אָהן אַ געדעכעניש, אָהן אַ יורש און אָהן אַ קדיש, אָבער פאַרוואָס עפּעס איז ער געוואָרען אָבגעשניטען פון ביידע וועלטען? איז ער דען אויך געהאַט נכשל און געניזוק׳ט געוואָרען ווי זיין זוהן חנן (ניסן, חנן׳ס פאָטער, שטאַרבט אויך — מעשה פלא — יונגערהייד) און געוואַרט אויף אַ תיקון פון זיין נשמה מצד דעם זוהן דעם עלוי? דאַן ווידער ממה־נפשך, אַז די בעמיהונגען פון אַ מת זענען שוין יאָ אין גאַנג און ער קומט שוין צו חלום די לעבעדיגע, פאַרוואָס קומט ער שוין נישט צו דער צייט? און פאַרוואָס עפּעס צום מרא דאתרא, נישט צו סענדער׳ן? און פאַרוואָס קומט ער עפּעס דוקא נאָכדעם ווי זיין זוהן חנן איז שוין געניזוק׳ט געוואָרען, נישט פריהער, ווען ס׳איז



Why should Nisn ben Rivke have been cut off from both worlds? Why then did he appear too late and why to the rov, not to the rebbe?

neg. cf. to Peretz Hirschbein; Ansky throws us into very heart of the conflict; fills in the background material only later

נאָך געווען וואָס מתקן צו זיין? איז טאַקע ווירקליך אַ מת אַזוי
נישט פּראַקטיש און אַזאַ שלים-מזל? דער דיכטער וואָלט, דוכט
זיך, דערפון קיין שאָדען נישט געהאַט, ווייל די דין-תּורה צווישען
אַ מת און אַ לעבעדיגען, אַלס סצעניש מאַטעריאַל, האָט סיי ווי
געקאָנט נאָך אויסגענוצט ווערען, כאָטש אַ ביסעל אויף אַנאַנדער
אופן, מעהר קאָרעגירט. אָהן אַ קאָרעקטור בלייבט עס אַ פעהלער.

nice!

און נאָך אַ פעהלער פאַלט אויף. די כאַראַקטעריסטיק פון
די פּערזאָנען איז נישט אַלעמאָל און אין יעדען מאָמענט די ענט-
שפּרעכענדע. אַמאָל איז די מאָס פון דער כאַראַקטעריסטיק בעדייטענ-
דער פון דער פּערזאָן און אַמאָל, פּערקעהרט, איז די פּערזאָן צו וועניג
כאַראַקטעריסטיש. עס טרעפט אויך, אַז די גאַנצע פּערזאָן איז
איבריג און פּלאָנטערט זיך אומזיסט אויפ׳ן וועג פון דער דראַמאַ-
טישער האַנדלונג, ווי אַ שטייגער, די עפּיזאָדישע פיגור פונ׳ם
נסתּר׳דיגען משולח. עס וואָלט אויך נישט געווען קיין חסרון, ווען
די כאַראַקטעריסטיק וואָלט אַרויסגעקומען מעהר פּערטיפט. אַ
פעהלער קאָן מען אויך זעהן אין דעם אופן ווי אַן-סקי האָט
אַריינגעפּלאָכטען אין דער האַנדלונג פערשידענע רבי׳אישע תּורות,
מופתים, משלים, מעשה׳לעך. כאָטש דאָס איז איהם מעהר אָדער
וועניגער ווירקליך געלונגען און ער האָט עס געמאַכט מיט׳ן
געהעריגען און צוגעטראָפענעם אויסוואַהל און מיט אַ געוויסער גע-
שיקטליכקייט, אָבער דערפאַר, ס׳רוב אָהן אינדיווידועלער נויט-
ווענדיגקייט, אָהן דער פּערזענליכער נאָטע פון יעדען כאַראַקטער
בעזונדער. דעם זעלבען מופת קאָן דערצעהלען אי ר׳ עזריאלקע,
אי דער משולח, אי דער מרא דאתרא, אי איינער פון די בטלנים.
דאָס אָרגאַנישע איז נישט ספּעציפיש. דאָ בעווייזט זיך אַן-סקי
מעהר אַלס פאָלקלאָריסט ווי דיכטער.

faults his sketchiness

hasidic lore not fully integrated

בטלנים are not individuated story repertoire is interchangeable

אַודאי פעהלען נישט אין אַן-סקי׳ס ווערק נאָך פיל שוואַ-
כע פּונקטען, וועלכע קאָנען געבען אַ געלעגענהייט אָנצוגרייפען.
דאָך, מעג אָנגרייפען ווער עס וויל; איך קאָן עס גלייכגילטיג
אויסמיידען, ווייל מיך אינטערעסירט אויגענבליקליך נאָר אַן-סקי
דער דיכטער, דער דראַמאַטישער דיכטער. און אַז ער איז אַ
דיכטער — דערויף זאָגט עדות זיין פעהיגקייט צו פּאַבולירען,
צו דערצעהלען, „אַ מעשה אויסצוטראַכטען". דיכטען איז פּאָזי-
טיוו דאָס זעלבע וואָס פּאַבולירען. פּונקט דאָס זעלבע. און יעט-



װעדער דערצעהלענדער מאָטיוו איז אַ דיכטונג, און יעטוועדעס
דערצעהלענדע טאַלענט איז אַ דיכטער. און אַז ער איז אַ דראַ-
מאַטישער דיכטער — דערין קאָן מאָמענטאַל איבערצייגען אַ
פערגלייך מיט פּרץ הירשביין. אין אַלע הירשביינ׳ס דראַמעס איז
די בעוועגענדע מאָטיווירונג, דער דראַמאַטישער עלעמענט, דער
קאָנפליקט-שטאָף, אַ צופעליגער, אַנ׳אויסערליכער. דער בחור
געפעלט נישט דעם מיידעל איינציג צוליב דעם, וואָס ער פער-
נעהמט זיך מיט אַ מלאכה בזויה („נבלה"). דער חתן געפעלט
נישט דעם מחותן, ווייל דער לעצטער איז חושד דעם ערשטען,
אַז דער ערשטער האָט ביי דעם לעצטען צוגעגנב׳עט אַ פּאָר
סוסים („פּוסטע קרעטשמע"). אַלץ זאַכען, וואָס זענען, פערשטעהט
זיך, זעהר גרינג צו בעזייטיגען. דער חסרון איז נאָר, וואָס צו-
זאַמען דערמיט ווערט אויך אינגאַנצען דאָס דראַמאַ בעזייטיגט.
דאָס נישט דראַמאַטישע ליגט, למשל, אין דעם, וואָס צום ערשט
ווערט איהר געוואָהר אַ געשיכטע, און דערנאָך, אַז איהר ווייסט
שוין די געשיכטע און ס׳איז שוין אַלץ אין בעסטען אָרדנונג,
טרעפט אָבער דאַן ווי אויף צו להכעיס עפּעס אַ סבה און אַלץ
נעהמט געהן מיט דער פּוטער אַראָב. אַן-סקי גיט אייך באַלד
צום אָנהויב דעם צוזאַמענשטויס. איהר געהט באַלד צו צו אַ
געשעהעניש, די געשיכטע איז שוין געווען פריהער און עס הויבט
זיך אָן מיט דער ענטוויקלונג פונ׳ם קאָנפליקט. ער נעהמט די
זאַך ביים קערן און דאָס מאַכט איהם פאַר דעם דראַמאַטישען
דיכטער.

וואָהרשיינליך וואָלט דער סוזשעט פון „דבוק" האָבען אַנ׳ער-
פאָלג אויך ביי די אַרישע קולטור-פעלקער. טיילווייז איז עס פאַר
דער וועלט-ליטעראַטור אַ פולשטענדיג נייער דערצעהלונגס-שטאָף,
וואָרים אויסער אין דעם מאָנגאָלישען, אין כינעזישען, אָדער בכלל
מזרח-אַזיאַטישען קולטור-קרייז (וואו עס פעהלען נישט עהנליכע
פאָרשטעלונגען, אויבוואָהל פון אַנאַנדער מין) בעגעגענט מען נישט
אַזאַ אינהאַלט.

---

3.

אַזאַ אונזער וואַרטעטער און אונגעוועהנליכער ערפאָלג, ווי

How to explain its unprecedented success?
1) the theater-going audience is as philistine as ever
2)

דאָס האָט אַנ־סק׳ים „דער דבוק", האָט, נאַטירליך, פיל טיפערע סבות פון די יעניגע, וואָס מען גיט אָן. אַ טעאַטער־שטיק וועלכעס ווערט געשפּילט נאַכט ביי נאַכט ביי איבער־פולע הייזער שוין אַ מעשה פון עטליכע חדשים און די בילעטען ווערען אויספערקויפט מיט פיל טעג צו פריהער און דאָס שטיק האָט נאָך צו אַלעם אַלע אויסזיכטען זיך געשמאַק צו האַלטען אויפ׳ן רעפּערטואַר גאָר אַ לאַנגע צייט — דאָס האָט עפּעס צו זאָגען. אַזאַ ערפאָלג האָט דאָך נישט געהאַט אפילו די סוברעטין קלאַראַ יאָנג אין דער „אַמעריקאַנערין", אפילו נישט דאָס „פּינטעלע יוד", וואָס מען האָט עס געשפּילט אין זעלבען עליזעאום אויף קאַראָווע גאַס קרוב צו צוויי הונדערט מאָל! פון צוויי הונדערט פאָרשטעלונגען איז נאָך דער „דבוק" היבש ווייטליך. דער ערפאָלג איז אָבער בלי שום גוזמא אָהן אַנ׳ערך שטאַרקער. די צאָהל איז נאָך נישט אַלץ. אַזאַ אינטערעס! אַזוי פיל נייגיער! און וואָס פאַר אַ לעבעדיגע בעציהונג! דאָס קאָן נישט זיין גלאַט אַזוי זיך. אַז דאָס פובליקום זאָל מיר־נישט דיר־נישט פלוצים האָבען אויסגעוואַקסען און זיין עמפינדליכער אין וואַלאָרען פון געשמאַק, אין אַ מיטען מיטוואָך זיך פערבענקען נאָך אַ זאַך פון קונסט און לויפען אַזוי אָהן אָטעם צו די „ווילנער" — אַזוינס שיינט נאָך אַלץ צו זיין מעהר ווי אונגלויבליך. כל־זמן ס׳איז נאָך מעגליך, אַז דער דורכשניטליכער געשמאַק פון די צושויער אין אונזער איצטיג טעאַטער זאָל קאָנען זיין עהנליך צום געשמאַק פון יענער דיקער אידענע אין לאַגען קראַקולענעם מאַנטעל מיט די גרויסע בריליאַנטען אויף זיך אויסגעהאָנגען, וועלכע איז געקומען אויף דער פאָרשטעלונג פון „דבוק" ווי אַ מחותנת׳טע, און האָט איהר מיינונג וועגען שטיק פאָרמולירט בערך אין אַזעלכע ווערטער: ס׳איז אַקוראַט די זעלבע „שפּיל" ווי אין „אַ מענש זאָל מען זיין!", וואָס מען האָט אַמאָל פאָרגעשטעלט ביי ליבערט מיט ווייסמאַנ׳ען אין „טיאַטער". דאָרט האָט מען אויך בעוויזען ווי מען טאָר זיך נישט גרויס האַלטען, טאָמער ווערט מען רייך. נאָר דאָרט האָט מען געטאַנצט און געלאַכט, איז׳ס געווען אַ קאָמעדיע, און דאָ איז „אַ בראָך געשעהן", דער חתן איז אַוועקגעשטאָרבען און ס׳איז אויף אַלע אַקטען „מאָראַליש", איז׳ס אַ דראַמע. כל־זמן אַזעלכע „מיינונגען" וועלען נישט זיין קיין זעלטענהייט (דערווייל איז עס

(f) other schlagers

boob-oisie



אַנ׳אויסזיכטסלאָזער ציל), איז גלייכער זיך נישט אָבצונאַרען מיט איבערגעטריבענע האָפנונגען בנוגע דעם געשמאַק פונ׳ם פובליקום (צו וואָס די אילוזיעס!). בלייבט דאָך אָבער די קשיא, מיט וואָס־זשע ערקלערט זיך פאָרט דער פאַבעלהאַפטער ערפאָלג פון „דבוק"?

גאַנץ געוויס האָט דאָ בעזונדערס געווירקט די פטירה פון אויטאָר, די שענע לויה, די בעריכטען און אַרטיקלען אין דער טעגליכער פרעסע. גאַנץ געוויס האָט דאָ בעזונדערס געווירקט די גוט־רעקלאַמירטע הכנות פון דער רעזשי. גאַנץ געוויס האָט דאָ בעזונדערס געווירקט די גרינדונג פון אַ ספּעציעלען טעאַטער־קאָמיטעט מיט אַ צוויי איינפלוסרייכע נעמען בראש, די גרינדונג פון אַנ׳אונטערנעהמערישער טעאַטער־געזעלשאַפט. עס ווירקט אויך גאַנץ געוויס די אויסגעהונגערטקייט אויף גענוס און צושטרייאונג נאָך די אַלע מלחמה־יאָהרען און בעזונדערס נאָך די וואָכען פון שרעק און אומגליק בשעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע. דאַן ווידער ווירקט אויך גאָר בעזונדערס דער אַלץ מעהר געזיכערטער שלום־צושטאַנד מיט דער פאַמעליכער ווידעראויפלעבונג פון אינדוסטריע און האַנדעל און דער זיך אָנקניפּענדער פערקעהר מיט דער גרויסער וועלט. אויסערדעם ליידט דאָך אַצינד וואַרשאָ פון איבערבעפעלקערטקייט, צוליב וועלכער עס הערשט אַ העמענ־דער מאַנגעל אין עפענטליכע פרייע לאָקאַלען, און יעדער גרעסערער זאַל וואו דעם פובליקום ווערט געגעבען די מעגליכקייט אונגעשטערט צו פערברענגען עטליכע שעה, געפינט לייכט גענוג בעלנים, בפרט נאָך אַ טעאַטער־זאַל מיט אַ שוישפּיל. און אין לעצטען סך הכל האָט דאָך אַ זאַך ערפאָלג אויך דערפאַר, וואָס זי האָט ערפאָלג, צוליב דעם ערפאָלג גופא.

אַזויפיל וועגען די סבות. זיי זענען פערהאַן אפשר נאָך פיל מעהר, ווי כ׳האָב דאָ אויסגערעכענט. די אמת׳ע סבה איז אָבער נאָר איינע, און זי ליגט גאָר אויף אַנאַנדער שטח. דאָס געהער צו דער פּאַטאָלאָגיע פון פובליקום. דער „דבוק"־פּסיכאָז האָט זיין יסוד אין דעם, וואָס דאָס פ ו ב ל י ק ו ם א י ז אַ ב ע ר ג ל ו י ב י ש.

ס׳איז דער אַבערגלויבען, נישט אַנדערש, נאָר דער אַבערגלויבען.

---

## 4.

אין די ווינדונגען פון אונזער געהירן און אין די געהירן־געגענדען זענען, מעגליך, לאָקאַליזירט אויסער בעשטימטע פסיכישע פונקציעס, אויף אַ בעשטימטען אופן נאָך גאַנץ ספּעציעל די אַלע פערשידענע פאַזען, וואָס די מענשהייט האָט דורכגעמאַכט אויפ'ן גאַנצען וועג פון איהר גייסטיגער אויסבילדונג. מיר טראָגען, מעגליך, אין אונזער געהירן שיכטען־מעסיג אויסגעטיילט די פּאַזעאָלאָגיע פון דער גאַנצער מענשליכער קולטור. און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מיר האָבען שוין פיל קולטור־שטופען ווייט הינטער זיך, זענען זיי ענערגעטיש אין אונז נאָך געגענווערטיג ביז צום היינטיגען טאָג. אַלע מאָמענטען פון דער קולטור־ענטוויקלונג האָבען איבערגעלאָזט זייערע צייכען אין אונזער מאַרך און מח, און אָט די צייכען בלייבען קיינמאָל נישט אָבגעמעקט. אַלע מענשען־דורות, וואָס האָבען מיטגעאַרבייט פאַר'ן סכום פון אונזער היינטיגען גייסטיגען בעזיץ פון די עלטסטע פּרעהיסטאָרישע צייטען אָן, ווירקען נאָך ווייטער אין אונז. מעגליך, אַז אַ דאַנק אונזער דערקענטניש־חוש פאַלען מיר אָפט אויף די שפּורען פון קופּעס אָנגעזאַמעלטע שיין־ערפאַהרונגען און שיין־אידעען, און מיר וואַרפען עס דאַן אַרויס פון אונזער בעוואוסטזיין אַלס איבריגער, נוצלאָזער באַגאַזש. אָבער נאָר פון דער אויבער־פלאַך פון אונזער בעוואוסטזיין. בלויז פון דער אויבערפלאַך פון אונזער בעוואוסטזיין ווערען בעזייטיגט די אַלטע אידעען, וואָס שטעהען אין סתירה מיט די נייע דערקענטנישען. און פיל מאָל מיידט זיי אינגאַנצען אויס דער גורל פון בעזייטיגט ווערען. עס טרעפט, אַז אַ פאַלשע אידעע ווערט אָפט דורך יאָהרטויזענדער מיטגעשלעפּט ביז אין דער געגענוואַרט. די קאָרעקטור־אַרבייט בעשטעהט אין דעם וואָס נישט מיר ב ע ז י י ט י ג ע ן דאָס סותר'דיגע, נאָר מיר א ו נ ט ע ר ד ר י ק ע ן עס. אויב מיר שלעפּען היינט־צו־טאָג מיט זיך אַרום אַ גרויסע צאָהל פאַלשע פאָרשטעלונגען פון פאַר פיל טויזענדער יאָהרען, פאָרשטעלונגען וואָס שטאַמען צום טייל נאָך פון דעם נאַאיווען גייסט פונ'ם מענש אויס דער שטיין־צייט, איז עס נישט מחמת דעם, וואָס זיי ווערען נישט עלימינירט דורכ'ן סעלעקציאָנס־פּראָצעס, נאָר דערפאַר, ווייל זיי



לאָזען זיך אַזוי נישט שנעל בעצווינגען. וויפיל מאָל מען אונטערדריקט זיי נישט, קומען זיי אויפ'ס ניי אַרויס ווידער קאַפּויר. אין דער רעליגיע, אין דער פילאָזאָפיע און אין דער וויסענשאַפט ברענגען אַזעלכע רודימענטאַרע פאָרשטעלונגען אַן'אונגעהייערען שאָדען. אינטערעסאַנט איז, למשל, אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, דער קאַמף וואָס עס פיהרט אַזאַ בערימטהייט ווי דער באָנער פיזיאָלאָג מאַקס פערוואָרן געגען די פרימיטיווע גרונד־בעגריפען אין דער נאַטור־וויסענשאַפט. אַ פריינד מיינער, אַ פערזאָן וואָס קען אַביסעל די פאַך־ליטעראַטור פון גייסטיגע קראַנקהייטען, גיט מיר איבער, אַז דער פאָרשער רובינער, אַ בעוואוסטער דייטשער פסיכיאַטאָר, ערקלערט בכלל דעם ענין פון גייסטיגע קראַנקהייטען אַלס ענטוויקלונגס־רעצידיוו. עס רייסט זיך אַרויף אויף דער אויבערפלאַך פון בעוואוסטזיין אַ פאָרשטעלונגס־קרייז פון אַ שוין לאַנג פערשוואונדענער פערגאַנגענהייט, שטערט דאָס גייסטיגע גלייכגעוויכט, און ווען מיר בעמערקען עס, זאָגען מיר: משוגע.

דער ה' רעצענזענט פונ'ם „היינט" האָט, פערשטעהט זיך, אונבעדינגט רעכט, ווען ער איז זיך מסביר, אַז די מורא, וואָס איהר האָט געהאַט קינדערווייז „צו געהן אַליין אין דער פינסטערניש אויף די טרעפּ, אין קעלער, אויפ'ן בוידעם", איז געווען די מורא פאַר אַ וואַנדערנדע נשמה, אַ פערשטויסענע, אַ דבוק, רחמנא לצלן, אַ רוח רעה.

ריכטיג. דערפון דאַרפען אָבער נאָך ערשט געמאַכט ווערען די נויטיגע אויספיהרונגען. מיט פרימיטיווע פאָרשטעלונגען לעבען נישט בלויז קינדער. אויך דערוואַקסענע לעבען מיט זיי. דער גרעסטער טייל פון אונזערע דמיונות, אַלע וועלטען פון אונזער פאַנטאַזיע זענען נישט מעהר ווי אַ רעפּראָדוקציע פון די בילדער אויס דער פּרעהיסטאָרישער קולטור. כ'מיין: ס'איז דער זעלבער פּרינציפּ. יענע אור־קולטור האָט אַרויסגערופען צום לעבען דער זעלבער פּרינציפּ וואָס מאַכט לעבהאַפט אונזער פאַנטאַזיע.

דאָס וואָס, למשל, אויפ'ן געביט פון פסיכיאַטריע איז עס שטערענד און עס לעהמט, דאָסזעלבע קאָן האָבען אויפ'ן געביט פון עסטעטיק אַ זעלטענעם רייץ און זיין מערקווירדיג אינטערעסאַנט. דער „דבוק" אַלס טעאַטער־שטיק איז דאָך נישט דאָסזעלבע, וואָס דער „דבוק" אַלס פסיכישער צושטאַנד פון אַ בת־פלונית אָדער אַ בן פלוני.

וואָס איך רעד אַזויפיל פון דעם אבערגלויבען אַלס ערשיינונג אין דער פּאַטאָלאָגיע פון פּובליקום, איז עס דערפאַר, וואָס איך בין איבערצייגט, אַז דער רוישענדער טעאַטער-ערפאָלג פונ׳ם „דבוק” איז נישט קיין עסטעטישער, נאָר אַ פּסיכאָלאָגישער אָדער גאָר אַ פּאַטאָלאָגישער. עס האָט זיך צושפּילט דעם עולם׳ס פאַנטאַזיע, די פאָלקס-פאַנטאַזיע. זי האָט דאָ געקריגען אַ זאַפטיגען ביסען און האָט זיך מיט וואָס צו שפּייזען. דאָ לעבען צוריק אויף די אור-אַלטע אַנימיסטישע גלויבונגען, אור-אַלטע אַנימיסטישע ערשיינונגען, אור-אַלטע אַנימיסטישע פאָרשטעלונגען. איז דאָך דער אַנימיזם אַ שטיק לעבענס-בעדערפעניש!

דערביי קומט נאָך צו, אין אַ געוויסער מאָס, די רעליגיעזע פערקליידונג פונ׳ם אַבערגלויבען, דער רעליגיעזער עלעמענט, דער אַבערגלויבען אין דער שאָל פון אַ רעליגיעז געבאָט, פון אַ רעליגיעזען בעגריף, און די זיטליכע ערפאַהרונגען אין דער פאָרם פון אַבערגלויבישע מנהגים, דער עטאָס פונ׳ם אַבערגלויבען. עס פעהלען דאָ די גרענעצען, וועלכע זאָלען אָבטיילען דעם עיקר פון טפל. גאָר גענוי גרענעצען צווישען רעליגיע, אַבערגלויבען און מאָראַל!

לאה׳ס אַלטע ניאַניע, די באָבע פראַדע, דערצעהלט, אַז אין דער אַלטער שוהל קומען אַריין אום האַלבע נאַכט מתים דאַוונען, און אַז די וואַנד פון די אַלטע שוהלען זענען פערוויינטע פון אַלמעכטיגענס טרעהרען. און מען טאָר זיי נישט קאַלכען. אז מען קאַלכט זיי, בייזערן זיי זיך און וואַרפען מיט שטיינער. איבערהויפּט איז די אַלטע פראַדע זעהר פאָלקסטימליך. זי האָט נוסח. ווען לאה קלאָגט זיך פאַר איהר (באַלד נאָכדעם ווי מען טרייבט פון איהר אַרויס דעם „דבוק”): באָבינקע, מיר איז שווער. ענטפערט איהר פראַדע: זאָל דיר נישט זיין שווער טאָכטערל. שווער זאָל זיין דעם טאָטער, דעם שוואַרצען קאָטער, און דיר אויפ׳ן הערצעלע זאָל זיין גרינג ווי אַ פוכעלע, ווי אַ ווייס שנייעלע, הייליגע מלאכים׳לעך זאָלען דיך אַרומפאָכען מיט זייערע פליגעלעך.

שיקט דער מיראָפּאָלער צדיק דעם משמש זיינעם מיכאל׳ן אויפ׳ן בית-עולם אַרויס ער זאָל רופען צו דער דין-תורה דעם מת-טהור ניסן בן רבקה, גיט ער איהם קודם-כל מיט דעם שטעקען



זיינעם ווי פאַר אַ קמיע און פערזאָגט איהם אין פרטי-פרטים ווי אַזוי ער זאָל זיך בעגעהן, למשל: ער זאָל צומאַכען די אויגען, דריי מאָל אָנקלאַפּען מיט׳ן שטעקען, און זאָגען זאָל ער אַזוי און אַזוי, דערנאָך ווידער אַזוי און אַזוי, און צוריקגעהענדיג למען השם זיך נישט אומקוקען, וואָס פאַר אַ געשרייען, קולות און רופעןישען ער זאָל נישט הערען, און דעם שטעקען נישט אַרויסלאָזען פון דער האַנד אַרויס אויף קיין איין רגע — וואָרום אַז נישט, שטעלט ער זיך איין אין אַ גרויסער סכנה.

נאָך דער דין-תורה ווענדט זיך ר׳ עזריאלקע צום מת: איצט מוזטו זיך אומקעהרען אין דיין רוה אַריין. און אין נאָמען פון גאַנצען בית-דין איז ער אויף איהם גוזר נישט צו שעדיגען אויפ׳ן וועג „נישט קיין מענשען און נישט קיין שום לעבעדיג בעשעפעניש”.

פאַר דער חופה געהט לאה אויפ׳ן „גוטען אָרט” בעטען אויף חתונה איהר פערשטאָרבענע מאַמע׳ן, איהר פערשטאָרבענעם חתן, דעם זיידע ר׳ אפרים׳ן, די מומע מירעלע׳ן.

קומענדיג אויף דער חתונה פון זיין זוהן מנשה, דערצעהלט סענדער׳ס מחותן, נחמן: „מיר האָבען געהאַט זעהר אַ שווערען און ביטערען וועג”. און עס געהט אַוועק אַ מעשה ווי זיי זענען אַראָב פון שליאַך און אַ לאַנגע צייט געבלאָנזשעט אין פעלד, נאָכדעם זענען זיי פערקראָכען אין אַ זומפּ און שיער דאָרט נישט איינגעזונקען געוואָרען, קוים אַרויסגעקראָכען. און זיי האָבען געטראַכט, אַז די נישט-גוטע, רחמנא לצלן, האָבען זיך דאָ אַריינגעמישט און לאָזען נישט פאָהרען.

דאָס האָט פּאַסירט אין צווייטען אַקט. אין פירטען אַקט פּאַסירט אַנ׳עהנליכע געשיכטע. די בעסטע רייטער ווערען אַרויסגעשיקט צו ברענגען וואָס שנעלער דעם חתן מיט די מחותנים, כדי וויבאַלד נאָר דער „דבוק” וועט זיין אַרויסגעטריבען, זאָל גלייך געשטעלט ווערען אַ חופה. צום סוף קומט דער משמש מיכאל מיט דער איוב׳דיגער בשורה: „נאָר-וואָס אומגעקעהרט זיך דער לעצטער רייטער. ער זאָגט, ביי די מחותנים האָט זיך צובראָכען אַ ראָד...”

ר׳ עזריאלקע געהט זיי אַרויס אַנטקעגען. און ווען ער קומט צוריק, איז שוין לאה אַרויסגעטרעטען פונ׳ם בעשוואוירענעם

עיגול און אויך — ווי פריהער חנן — געניזוק'ט געוואָרען.

דער מיראָפּאָלער צדיק האָט פערשפּעטיגט.

געה געפין די גרענעצען צווישען מאָראַל, רעליגיע און אָבערגלויבען.

---

## 5.

אַז דער איבערראַשענדער ערפאָלג פונ'ם „דבוק" איז נישט באין אופן דאָס פערדינסט פונ'ם רעזשיסער ה' דוד הערמאַן, דאָס דאַרף איך נישט, גלויב איך, ערשט בעווייזען. דאָס איז בעוויזען. איבערגענוג.

אויף איינעם פון די קריטיק-אָוועגדען וועגען „דבוק" אין „וואַרשאָווער ליטעראַטע, און זשורנאַליסטען-פעראיין" האָט דער ה' דוד הערמאַן אָפּאָנירט זיינע קריטיקער. דער הערר, וואָס האָט איהם פאָרגעשטעלט דעם פובליקום, האָט אַ זאָג געטון: איהר וועט איהם מוחל זיין, וואָס ער וועט צו אייך רעדען נישט אַזוי געלויפיג. רעדען גוט קאָן ער נישט. זיין שפראַך איז נישט די שפראַך פון ווערטער. רעדען גוט קאָן ער נאָר אויף די שפראַך פון ליניען און פאַרבען. אַרויסגעקומען איז עס ביי דעם ה' דוד הערמאַן אַ קליין ביסעל אַנדערש. אויף דער שפראַך פון ווערטער האָט ער גערעדט ממש אויסגעצייכענט, בעסער דאַרף מען גאָרנישט; אויף דער שפראַך אָבער פון ליניען און פאַרבען (אגב אורחא, אַ מליצה, וואָס צום ענין רעזשי לאָזט זי זיך אָנווענדען נור מיט געוויסע בעדינגונגען) רעדט ער נישט, זאָל ער מיר מוחל זיין, נאָר ער שטאַמעלט, דרעהט מיט דער צונג.

פון זיינע אויספיהרונגען אויפ'ן „קריטיק-אָוועגד" האָב איך אַרויסגענומען בלויז דאָס איינע, אַז דאָס וואָס ער האָט געטון מיט אַנ־סקי'ס ווערק, האָט ער עס געטון נאָר דערפאַר, וואָס דאָס ווערק איז געווען געשאַפען נישט קאָנסעקווענט. עפּעס איז דער ה' אַנ־סקי אַ דיכטער אָהן קאָנסעקווענץ. געהט ער, דער ה' דוד הערמאַן, און נעהמט די קאָנסעקווענץ און פיהרט זי דאָרט אַריין צו איהם. אין זיין ווערק. צי איז עס דען נישט קיין גוטער אויפטו?

אַ שענעם דאַנק אייך, מיין ליבער הערר! מוחל. אַזוי זענען



זיי שוין די דיכטער. ווי-נור עס קומט צו קאָנסעקווענץ — נישטאָ! די קונסט האָט זיך איהרע געהיימנישען און קאַפּריזען. זי וואַקסט אויס אומגעריכט, פון העלער הויט, און זי ווערט פערפאַלען גראָד דעמאָלט, ווען איהר מאַכט פאַר איהרעטוועגען די מיהזאַמסטע הכנות. דאָס רעטועלהאַפטע איז, וואָס נישט מען דאַרף קונסט פערשטעהען, נאָר צו קונסט דאַרף מען האָבען פערשטענדניש. פערשטאַנד איז אַ פעהיגקייט, פערשטענדניש איז אַנ'אייגענשאַפט. קאָנסעקווענץ איז טאַקע אַ שען וואָרט, זעהר אַ שען וואָרט, אָבער נישט קוקענדיג דערויף, וואָס קונסט איז אַנ'ענין פון שענקייט, שאָקעלט זי זיך אָב פונדעסטוועגען פון דעם שענעם וואָרט, איז זי דאָס שענע וואָרט קאָנסעקווענץ נישט גורס. און נישט דערפאַר איז עס, וואָס קונסט און קאָנסעקווענץ זענען צוויי געגענזאַצען; ניין. ס'איז דערפאַר, וואָס כאַר דער קונסט איז קאָנסעקווענץ נישט אַ פאָרמעלער בעשטאַנד-טייל, נאָר דאָס אימאַנענטע, און אַלץ וואָס איז קונסט, איז שוין ממילא קאָנסעקווענט.

דעם ה' דוד הערמאַן מעג מען גלויבען, דאָס ער קאָן אייך שפּילען קינסט (ער שפּילט נישט טעאַטער, ער שפּילט קונסט) אפילו אָהן אַרטיסטען. גיט איהם נאָר עטליכע אינטעליגענטע יונגע לייט און עס וועט אַרויסקומען די קינסט ביי איהם. ווידער אַ שען וואָרט: אינטעליגענץ. נ-נע! דערמיט גיט ער מיר נאָר דאָס רעכט זיין אייגענע אינטעליגענץ נישט ערנסט צו נעהמען. דען אַ מענש פון אינטעליגענץ, נישט נאָר אַ מענש אַנ'אינטעליגענטער, ווייס בודאי, אַז נישט דאָס איז דער וועג פון קונסט, בפרט נאָך פון טעאַטער-קונסט. אַ טעאַטער אָהן אַרטיסטען, איז פונקט ווי אַ פידעל אָהן אַ סמיטשיק: עס שפּילט נישט. אַרטיסטען מוזען זיין. אונבעדינגט. און דוקא גוטע. די גרעסטע. דאָס ערגסטע טעאַטער, נאָר מיט אַרטיסטען, האָט אַלע מאָל אַ קינסטלערישען ווערט. אַ קליינעם ווערט, נאָר אַ ווערט. דאָס בעסטע טעאַטער, נאָר אָהן אַרטיסטען, האָט קיינמאָל קיין קינסטלערישען ווערט נישט. אפילו דעם קלענסטען ווערט נישט.

פערזענליך בין איך דעם רעזשיסער הערמאַן דער בעסטער גוטער פריינד. אָבער קונסט איז דאָך נישט קיין ענין פון גוט-פריינדשאַפט. פון גוט-פריינדשאַפט ווערט מען דאָך נישט קיין קינסטלער. ער זאָל מיר קאָנען טון די טובה און זיין אַ קינסטלער,

וואָלט איך בּנאמנות נישט געהאַט דאַגעגען, און איך וואָלט מיר יעצט נישט גענומען די מיה צו רעדען מיט איהם דברים קשים. דאָס אומגליק איז אָבער, וואָס ער קאָן עס נישט.

ער האָט נישט פאַר מיר קיין סוגעסטיע; מיט זיינע קונסט-מיטלען קאָן ער מיך נישט אָנשטעקען. און די קונסט איז קודם-כּל אָנשטעקענד. אַז איך האָבּ נישט דעם איינדרוק, וועל איך מיר איהם דאָך נישט סוגערירען, וועל איך מיר דאָך נישט איינרעדען, אַז כ'האָבּ איהם יאָ.

איהם קומט נישט קיין וואָרט פון אָנערקענונג, ווייל ער האָט עס נישט פערדינט. און מאָהנט ער עס, און מאָהנט עס איינגעשפּאַרט און הויך, מיט קולי-קולות — דאַן איז עס פון זיין זייט, מינדעסטענס, אַ העסליכע מדה.

עטליכע מאָל בּין איך געווען אויפ'ן „דבּוק" און מיר בּעטראַכט זיין רעזשי און יעטוועדעס מאָל נישט געהאַט דערפון קיין שום גענוס, נאָר אַ גאַנץ געוועהנליכען „קאַצען-יאָמער". דאָס איינציגע וואָס איז איהם ווירקליך גלענצענד געלונגען, איז דער פּראָלאָג מיט'ן טלית'דיגען פאָרהאַנג און מיט די דריי רעפּרעזענטירענדע געשטאַלטען לאה, חנן און דער משולח. אַ געלונגענער איינפאַל! און פונקטום. אַזאַ איינפאַל ווי געלונגען ער זאָל נישט זיין, האָט ער אָבער מיט טעאַטער-קונסט וועניג-וואָס צו טון: ער טויג זיך, דער איינפאַל, זעהר גוט פאַר'ן עקראַן, פאַר די פילם-לענטעס פון'ם קינאָ. ס'איז אַ קינאָמאַטאָגראַפישער טריוק.

פאַר מיין עמפּינדונג איז דעם רעזשיסער הערמאַנ'ס אויפפיהרונג פון'ם „דבּוק", אַ ליבּהאָבער אויפפיהרונג. נישט מעהר און נישט וועניגער. די בּעציהונג פון'ם קינסטלער צו דער קונסט איז ווי צו אַ לעבּענס-זאַך, און די בּעציהונג פון'ם ליבּהאָבּער צו דער קונסט איז ווי צו אַ פעטיש. ה' דוד הערמאַן איז בּטבע נישט קיין קינסטלער, נאָר אַ ליבּהאָבער. ער איז אַ דעקלאַמאַטאָר. זאָל מען מיך נישט שלעכט פערשטעהן: מיט דעקלאַמאַטאָר מיין איך נישט קיין רעטאָריק און פּאַטעטישע אָנשטעלען. דעקלאַמאַציע איז פאַר מיר: פערטיגע קונסט-נוסחאות, אַ צוגעגרייטער קונסט-אינווענטאַר, סטעאָרעטיפּע קונסט שיר-המעלות'ן, פּאָפּולערע, קורסירענדע קונסט-מיטלען. דער קינסטלער האָט די קונסט ליבּער לעבּט מיט איהר. דער ליבּהאָבּער — זיין ליבּע איז אַנ'אימ-



פּאָטענטע ליבּע. ער האָט די קונסט נישט ליבּ. ער קאָן נישט מיט איהר לעבּען. ער האָט פאַר דער קונסט דרך ארץ. גרויס דרך ארץ, דעם גרעסטען דרך ארץ. אַי, אַי, אָהן עין הרע, די קונסט! די קונסט! זיין זאַך איז פרום צו פערגלאָצען די אויגען און מאַכען צערעמאָניעס און פאַראַדען און פראַווען פעטישיזם. דער קינסטלער צערעמאָניעט זיך נישט. די קונסט איז פאַר איהם נישט קיין זאַך, וואָס איז אויסער איהם. ער איז מיט איהר שטענדיג אין דער היים.

קונסט-פרומקייט – דאָס איז די איינציגע בּעגאַבונג פון ה' דוד הערמאַן. דערפאַר זאָל ער קריגען אַ יישר-כּח. פון דאַנען איז אָבּער נאָר איין טריט צו קונסט-מאַגיע און צו קונסט-כּשוף. זעהר אָפט זעהט ער מיר אויס צו שפּילען די ראָלע נישט אַזוי פון אַ קונסט-צדיק ווי פון אַ קונסט-מכשף. ער איז מיר חשוד צו האָבּען דאָס שאַלקהאַפטע איינרעדעניש, אַז די קונסט איז אַ מין סערום, וואָס מען קאָן דערמיט מאַכען איינשפּריצונגען און פאַבּריצירען טאַלענטירטקייט. ער שטעלט אייך קונסט, אַזוי ווי מען שטעלט פּאָקען. געפינט איהר חן אין זיינע אויגען, מאַכט ער אייך אַנ'איינשפּריצונג מיט זיין קונסט-סערום און רופט אַרויס בּיי אייך דאָס טאַלענט און איהר ווערט אַ קינסטלער.

כ'ווייס: דער רעזשיסער ה' דוד הערמאַן האָט הייסע חסידים. נישט איין צייטונגס-רעצענזענט בּרענגט ער אַריין אין קעלבּערנער התפּעלות. „דאָס שענע הערליכע בּילד", דעקלאַמירט פּאַטעטיש דער צייטונגס-רעצענזענט אין זיין פסיידאָ-קריטיק. „די קינסטלערישע רעזשי פון דוד הערמאַן שטעלט פאָר מיט זיך אַנ'אמת'ע איבּערקעהרעניש אין דער יודישער טעאַטער-קונסט. אַז מען זאָל נאָך דערצו נעהמען אין בּעטראַכט דעם שטאַרקען איבּערבּרוך, וואָס די „ווילנער" האָבּען געמוזט מאַכען, איבּערגעהענדיג פון „דאָרפס-יונג" צום „דבּוק", קאָן מען בּעגרייפען ס'אַר אַ שווערע און וויכטיגע שטיק אַרבּייט ס'איז דורכגעפיהרט געוואָרען". אַ גרויסאַרטיגער שפּאַס, כ'לעבּען. איין קליינינקייט: קינסטלערישע רעזשי, דערצו נאָך אַנ'אמת'ע איבּערקעהרעניש, און דערצו נאָך — אויפמערקזאַם! — אַנ'איבּערבּרוך פון דאָרפס-יונג צום „דבּוק". איין קליינינקייט!

פרעג איך מיך נאָך אַ מאָל: וואָס האָט דאָ דער ה' דוד

הערמאַן אויפגעטון אַלס רעזשיסער? ס׳רוב זענען געבליבן נישט אויסגענוצט כמעט אַלע רעזשי-מעגליכקייטן פון סצענישער אויסשטאַטונג (למשל, דעם אויטאָרס בעשרייבונג פון די דעקאָראַציעס צום צווייטען אַקט), די רעזשי-מעגליכקייטן פון קאָסטיומירונג, פון אַרויספיהרען גרופען-סצענעס און סצענישע בילדער פון חסידים, ישיבה-בחורים, בעלי-בתים, קרעמער, חתונה-געסט, קבצנים, קינדער (לויט׳ן פערזאָנען-צעטעל פון דעם אויטאָר) — אָט די אַלע רעזשי-מעגליכקייטען זענען געבליבן כמעט נישט אויסגענוצט. די סצענישע האַנדלונגען געהען נישט דורך ווי אַן׳איינהייט, ווי פון איין גאָס, נאָר זיי קריכען פערביי ווי לויט קאָמאַנדע: יעצט געהט נומר איינס. יעצט האָט זיך נומר איינס שוין געענדיגט. יעצט געהט נומר צוויי. עס געהט נומר דריי. נומר פינף.

און יעטוועדעס דעטאַיל איז קונסטלאָז. עס קומט אַרויס ווי בעשטעלט, אַלצדינג איז צוגעשניטען ווי אויף איין פאַסאָן, עס ווערט דעמאָנסטרירט, נישט געשפילט. ס׳איז אַלצדינג געמאַכט, אויסגעטראַכט, פון אויסוועניג, עס גיט גאָר נישט.

כ׳בין פערבעטען פון פריינד הערמאַן אויף אַ רעפעטיציע, אַ גענעראַל-רעפעטיציע. אָט האַלט מען שוין ביים סוף פון צווייטען אַקט. איינע פון די לעצטע סצענעס. דער עולם געסט און מחותנים (ווייסע חברה׳ניקעס און קבצנים פעהלען דאָ. סימבאָלישע קאָנצעפציע!) פיהרען דעם חתן צום בעדעקענס. עס דאַרף זיין פרעהליך, לעבעדיג, אַ שמחה. דאָס פערזאָנען-מאַטעריאַל בעשטעהט פון לויטער סטאַטיסטען. וואָס טוט אין אַזעלכע פאַלען אַ רעזשיסער, כדי אַזאַ מין סצענע אַרויסצוברענגען? ווי אַזוי מאַכט מען פרעהליכקייט? ס׳איז דעמאָלט וועניג פאַר איהם וואָס ער האָט אין זיין געמיט און אין זיין פאַנטאַזיע גענוי דאָס בילד אין די שטימונג דערפון. ער מוז דאָס גאַנצע נאָך קאָנען פונאַנדערטיילען ביי זיך אין רעיון אין איינצעלנע מאָמענטען און וויסען פינקטליך אויף די האָר ווי אַזוי דאָס שטעלט זיך צוזאַמען. דאָס סטאַטיסטען-מאַטעריאַל מוז בעהאַנדעלט ווערען נישט אַן מאַס, נאָר פאַרט׳על, יעדער בעקומט פונ׳ם רעזשיסער צוגעטיילט זיין טייל, זיין אויסדרוק, זיין בעוועגונג, זיין שטעלונג און האַלטונג, און פון אַלע אינאיינעם וואַקסט ערשט אויס דאָס גאַנצע בילד. דעם רעזשיסער הערמאַן פעהלט אָבער, זעהט אויס, פאַנטאַזיע. ער האָט זיך איינ-



געחזר׳ט די רעמאַרקע פון מחבר, און דאָרט ווערט פערלאַנגט ס׳זאָל זיין פרעהליך, טופעט ער מיט׳ן פוס: פרעהליכקייט, פרעהליכער! און ער שרייט אויף זיי אָן: איהר לעבט עס נישט איבער (די סטאַטיסטען האָבען עפעס נישט קיין חשק עס איבערצולעבען.) מעהר דורכגעלעבט!

און די אָרימע סטאַטיסטען קאָנען זיך נעבעך קיין עצה נישט געבען, זיי ווייסען נאָך אַלץ נישט ווי אַזוי מען לעבט עס מעהר דורך.

---

.6

אַרגומענטען פערמאָגט ה׳ דוד הערמאן און אידעען. זענען זיי מיר שטאַרק חשוד די אידעען און די אַרגומענטען. געגען רעאַליזם איז ער, למשל, צוליב דעם פשוט׳ן טעם פון... צו וואָס נעהמען די ווירקליכקייט אין דער קונסט, אַז מיר האָבען זי אין לעבען פיל בעסער, אַז דאָס נאַטירליכע לעבען, די ווירקליכקייט איז אַ סך אינטערעסאַנטער.

ניש׳קשה פון אַן׳אַרגומענט! דעריבער, הייסט עס, לאָזט ער געמאַך די ווירקליכקייט און ער גיט מיר דעם ריטם איהרען, דעם סטיל, דעם עקסטראַקט. צי איז עס טאַקע אַזוי? איז די ווירקליכקייט, דאָס רעאַלע לעבען אין דער קונסט נישט אינטערעסאַנט? וועלכע אַרגומענטען מען זאָל נישט אַרויסשטעלען געגען רעאַליזם, אפילו די נאַרישסטע, קאָנען זיי נאָך אַלץ ענטהאַלטען מעהר זין, ווי דער אַרגומענט פון אינטערעסאַנטקייט. גענוג איז צו דערמאָהנען אַזעלכע מייסטער פון רעאַליזם ווי פלאָבער, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, אום זיך צו שעהמען אַזאַ מיינונג צו ווידערהאָלען. אַ חוץ אַלעם, איז גלאַט דער גאַנצער צוזאָג פון געבען עקסטראַקט מיט סטיל מיט ריטם... אַן׳אויסגעטראַכטער. דאָס געבען איז קיין געבען נישט. ס׳איז מעהר נישט ווי געזאָגט, מליצה.

דאָס אַמיזאַנטע דערפון איז אָבער דער אורשפרונג פון זאָט אָ דעם אַרגומענט. ס׳וועט שוין זיין אין דעם אַ פאָר צעהנדליג יאָהר זינט דער פאַראַדאָקסאַלער אָסקאַר אוואיילד איז אַרויסגעטרעטען געגען רעאַליזם, ווייל ער איז נישט — אינטערעסאַנט. נאָר אוואיילד׳ס פאַראַדאָקס ענטהאַלט אַ פיינעם געדאַנק, ער איז גייסטרייך.

דער רעאַליזם איז טאַקע נישט אינטערעסאַנט, אָבער דאָס איז אין לעבען, אין דער ווירקליכקייט. אינטערעסאַנט הויבט ער אָן ווערען ערשט אין דער קונסט. אַלס קונסט איז אַזאַ ווערק ווי מאַדאַם „באָוואַרי" אַ שעדעוור, אָבער ווי לאַנגווייליג און שרעקליך אונאינטערעסאַנט איז זי אין ווירקליכען לעבען!

האָט ער רעכט אוּאיילד? מעגליך. אָדער יאָ אָדער ניין. יעדענפאַלס איז עס אַ זאַך פון אינהאַלט. ס'איז עפּעס געזאָגט. אויפ'ן וועג פון אוּאיילד'ן צו דעם ה' דוד הערמאַן איז דערווייל דער אינהאַלט פערלוירען געגאַנגען. פון דעם פּאַראַדאָקס איז געוואָרען אַנ'אַבסורד.

פערהאַן ביי דעם ה' דוד הערמאַן נאָך אַנ'אַרגומענט זעהר אַ וויכטיגער. אַלעמאַי די גוים? זיי זענען דאָך שוין יאָ די גרויסע מבינים. ניין, אפשר (הייליגע נאַיוויטעט!)?

מיט'ן „דבוק" האָבען זיך נעמליך אינטערעסירט אויך אַ גוזמא (עס רעדט זיך אַזוי) גוים, טאַקע אמת'ע פּאָליאַקען מבטן ומלדה, טאַקע געבוירענע קאַטאָליקען; אייניגע אַרטיסטען, אייניגע אַרטיסטינס, אייניגע זשורנאַליסטען, אַנ'אַלטער פּראָפעסאָר, אַ מאָדערנער רעזשיסער, אַ דראַמאַטישער דיכטער, און זיי האָבען עולה־רגל געווען אין יודישען טעאַטער אַריין. עס זענען געקומען די וויסאָצקאַ, די סאָלסקאַ, די אָסטערווינאַ, פּראָפעסאָר שליווינסקי (מוזיק שריפטשטעלער), לימאַנאָווסקי (רעזשיסער), קיסילעווסקי (דראַמאַטישער דיכטער), אָסטערוואַ, קוטשקאָווסקי. דער לעצטער, אַ זשורנאַליסט (מיטאַרבייטער פון ראַדיקאַלען „נאַרוד") האָט אפילו אָנגעשריבען עטליכע שורות וועגען דעם. נישט ביי זיך אין דער צייטונג — דאָרט האָט מען עס נישט געוואָלט דרוקען — נאָר אין יודישען „נאַש־קוריער".

ווי איהר זעהט, זענען עס מענשען פון די פּוילישע קינסטלער־קרייזען; און קינסטלער זענען ס'רוב אויפריכטיגע לייט. אין דער צייט ווען די אָפיציעלע פאָרשטעהער פון דער פּוילישער געזעלשאַפט טרייבען דאָס אונעהרליכע שפּיל מיט דער „פערשטענדיגונג", מיינען די פּוילישע קינסטלער אפשר אויף אַ רעכטען אמת זיך צו פערשטענדיגען, אָנצוקניפּען בעציהונגען, זאָל זיין כאָטש אויפ'ן געביט פון קונסט. איינצעלנע פאָרשטעהער פון דער פּוילישער קונסט פלעגען אויך פריהער פערבלאָנזשען אַמאָל



אויף אַ יודישען ספעקטאַקל.

נאָר אַזעלכע מיני פּאָליטיש־קולטורעלע מאָטיווען געפינען זיך, מסתמא, ווייט ער־יך אין הינטער־גרונד, און זענען, ווי מען דאַרף אָננעהמען, פאַר זיי אַליין גאָר אונבעוואוסט. דאָס טוט מען, זיך נישט אָבגעבענדיג קיין דין וחשבון. מען טוט עס פון קינסטלער־פרייהייט, אַלס פּראָטעסט קעגען די הערשענדע שטימונגען. קינסטלער געהען אָפט געגען דעם שטראָם. פון שטענדיג אָן זענען דאָך זיי פון די, וואָס האָבען דעם מוט אַרויסצוטרעטען געגען די הערשענדע טענדענצען.

דאָס מאָל, בנוגע דעם „דבוק", זענען די מאָטיווען מעהר ממשות'דיגע דאָ לויפט מען ווי אויף אַ „בייז־וואונדער", און מען קאָן אַזש צו זיך נישט קומען פון דעם, וואָס מען זעהט דאָ אַלץ. אַ בית־מדרש, בטלנים, חסידים, חסידישע נגונים, אַ רקוד'ל, אַ צדיק ווי ער פּראַוועט טיש, אַ דין־תורה פון אַ טויטען מיט אַ לעבעדיגען, אַ מחיצה מיט אַ ווייס ליילעך, בעשוואוירענע עיגולים, אַ שוואַרץ פּרוכת, זיבען שוואַרצע ליכט, זיבען ווייסע קיטלען, זיבען שופרות, חתונה־נגונים, אַ מיסטיש געזאַנג, אַ בעדעקענס, מען טרייבט אַרויס פון דער לעבעדיגער כלה די נשמה פון איהר טויטען חתן — אַ „דבוק", חרמות און נדויים און אַ תקיעה שברים־תרועה. ווי גראָטעסק! ס'איז אַנ'עקזאָטישער פאַל, וואָס לוינט צו געהן אָנקוקען. און מען געהט אָנקוקען, ווי עס קוקט אָן אַנ'אייראָפּעער די פּרימיטיווע צייכנונגען פון אַ ווילדען נעגערשטאַם, ווי עס קוקט אָן אַנ'אייראָפּעער די פּרימיטיווע נעגערפּלאַסטיק. דוכט זיך, אַ נעגער — און אַזאַ זין פאַר אַ ליניע, אַזאַ חוש פאַר פּלאַסטישע פלעכען אין פּלאַסטישע רונדונגען.

אונזערע אייראָפּעער זענען זעהר ליבענסווירדיג, דערהויפּט וואָס אָנבעלאַנגט פּרימיטיווער קונסט. איז דאָך די פּאַלעאָנטאָלאָגיע די ליבענסווירדיגסטע וויסענשאַפט. אין חודש אויגוסט פון יאָהר 1908 האָבען דריי פּאַלעאָנטאָלאָגען, סאָמבאַטי, בייער און אָבערמייער, ענטדעקט אין דעם שטעדטיל ווילענדאָרף פון אונטער־עסטרייך אַ געשניצטע עלף צענטימעטער־גרויסע סטאַטועטע פון פּאָרעזען קאַלך־שטיין אויס דער צייט פון דער קראָמאַניאָן־ראַסע. די מציאה איז, הייסט עס, אַלט אַ קימא־לן פון אפשר אַ מיליאָן יאָהר. און דאָס דאָזיגע עלף־צענטימעטער פיגורל, די סטאַטועטע פון

PJ
51
A
A5
D8

פֿאַרעזון קאַלך=שטיין, שטעלט פֿאַר אַ קורצע דיקע פרוי מיט אַ שפּיציגען בויך און מיט ריזיגע מילך-דריזען. זענען די גאַלאַנטע פּאַלעאָנטאָלאָגען אַזוי בעגייסטערט פון איהר, אַז גאַנץ ערנסט רופען זיי אָן אָט דאָס ווילענדאָרפישע פערזעהעניש מיט'ן גאַלאַנטען נאָמען: די „ווענוס פון ווילענדאָרף”.

אונזערע גוי'אישע עולה-רגל'ניקעס זענען אויך אַזוי גאַלאַנט. זיי האָבען געגלויבט, אַז מיר קריכען אויף אַלע פיר, צום סוף גאָר ענטדעקען זיי ווי לחלוטין עהנליך מיר זענען צו דער ציווילי־זירטער ראַסע זייערע.

ווען מען זאָגט: די „ווענוס פון ווילענדאָרף”, און ווען מען זאָגט: „די ווענוס פון מילאָ”, מיינט מען דאָך נישט מיט „ווענוס” ביידע מאָל דעם זעלבען בעגריף. פונקט אַזוי מיינט מען אויך נישט דעם זעלבען בעגריף, ווען מען זאָגט: „דאָס קונסט-טעאַטער פון מאַקס ריינהאַרד”, און מען זאָגט: „די קינסטלערישע רעזשי פון דוד הערמאַן”. דאָס זענען נישט נאָר צוויי בעזונדערע בעגרי־פען, נאָר צוויי ג ע ג ע נ ז ע צ ל י כ ע בעגריפען. און אָט אָ דעם חלוק טאָר מען נישט פערגעסען.

נאָך קוריאָזער ווערט דער ענין פון דער „הערמאַן-רעזשי”, ווען מען נעהמט אין אַכט, אַז אונזערע גוי'אישע עולה-רגל'ניקעס ווערען נעבעך מיאוס אָבגענאַרט. צו אונז קומען זיי מיט דער פרומער כונה צו טאָן די גרויסע מצוה פון בעוואונדערן דאָס פּרי־מיטיווע. וואָס מיר אייראָפּאַ, וואָס מיר קולטור — אייראָפּאַ איז גאַנגרעניזירט און די קולטור איהרע איז עפוש און אשפה — דערפון דאַרף מען זיך אָבשאָקלען, אַנטלויפען וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, שפּייען דערויף. אַך פּרימיטיווּיטעט! אורשפּרינגליכקייט!

איז אָבער דער ה' דוד הערמאַן פונקט אַזוי ווייט פון פּרי־מיטיוויטעט ווי פון אייראָפּאַ. עפּעס ווי לשם קוריאָזיטעט זענען זיינע אַמביציעס, וואָס אָנבעלאַנגט אייראָפּאַ, דוקא שטאַרק אויס־געבלאָזענע — ער רעקאָמענדירט זיך רק מיט אייראָפּאַ — און דוקא וואָס אָנבעלאַנגט דעם פּרימיטיווען האָט ער גאָר לחלוטין קיין אַמביציעס נישט.

ווי געזאָגט, די גויים, וואָס ווייסען נעבעך נישט די גאַנצע מעשה, זיי נאַרען זיך מיאוס אָב. פאַר זיי איז דער ה' רעזשיסער הערמאַן נישט דער לא-יצלח'דיגער, גייסטלאָזער רעפּאָרמאַטאָר, וועל־כער גלויבט מיט זיין טאַנדעט-אייראָפּעאישקייט, מיט זיין שלעכט פּרעפּאַרירטען נייעם קונסט-שונד צו פערנעהמען דאָס אָרט פון דעם אַלטען יודישען שונד-טעאַטער.



און דער רעזשיסער ה' דוד הערמאַן איז נאָך אַזאַ נאַיווער מענש, אַז ווען דער אָדער יענער פּוילישער קינסטלער נעהמט זיך דעם כבוד איהם פאָרצושטעלען, און בעפאַלט איהם בשעת מעשה מיט אַ שפּאָרע דאָזע שטאַרק-איבערגעטריבענע קאָמפּלימענטען, ווייס ער נישט, דער אָרימער רעזשיסער, אַז ערשטענס, איז דאָס אַ טעות אין אַדרעס, און צווייטענס, איז דאָס אַ מין אָריענטאַלי־שע העפליכקייט, און ער האַלט יעטוועדעס וואָרט פאַר אַ באַרע מטבע און האָט גרויס הנאה פון זיך.

„איך האָב מנצח געווען”. זיינע אידעען, הייסט עס. וואָסערע אידעען? אַז סך הכל זענען זיינע אידעען נישט ווערט קיין אויס־געבלאָזען איי. וואָרום אויף וויפיל דאָס זענען אידעען, זענען דאָס נישט זיינע, אויף וויפיל דאָס זענען זיינע, זענען דאָס נישט קיין אידעען. זענען דאָך אין זיין שפּראַך אַלע אידעען אַזוי באַנאַל!

ביי אַ גרויסען טייל מענשען איז עס פון אייביג אָן אַזוי. נאָך מיט אַ דריי הונדערט יאָהר צוריק האָט אַ פילאָזאָף ווי רענע דעקאַרט געמאַכט די ענטדעקונג, אַז די זעלבע אידעע קאָן מיט די ווערטער פון איין מענשען זיין קלוג און קלאָר, און מיט די ווערטער פון אַנאַנדער מענשען — נישטיג און נאַריש. אין זעקס־טען קאַפּיטעל פון זיין „אָבהאַנדלונג איבער די מעטאָדע ווי אַזוי ריכטיג צו געברויכען דעם שכל”, דערצעהלט ער: „איך האָב שוין אָפט די איינע אָדער די אנדערע פון מיינע רעיונות ענטוויקעלט פאַר זעהר שאַרפזיניגע לייט. אַזוי לאַנג ווי א י ך האָב גערעדט, האָבען זיי געשיינט מיך גאַנץ גענוי צו פערשטעהן; וויבאַלד אָבער זיי גופא האָבען גענומען די זעלבע רעיונות מיינע איבערדערצעהלען, האָב איך איינגעזעהען, אַז זיי האָבען זיי כמעט שטענדיג אויף אַזאַ מין אופן צודרעהט, דאָס איך האָב זיי דערנאָך נישט געקאָנט אָנערקענען פאַר מיינע”. און דעקאַרט מאַכט דערפון דעם אויספיהר, אַז מען דאַרף זיך לחלוטין נישט וואונדערן איבער די אַבסורדע לעהרעס, וואָס מען שרייבט צו די אַלטע פילאָזאָפען, וועמענס כתבים עס זענען צו אונז נישט דערגאַנגען, דען זייערע מיינונגען האָבען נישט געקאָנט זיין אַזוי בעזונדערס אָהן דעת. האָבען זיי

PJ
51
A
A5
D

דאָך געהערט צו די אויסגעצייכענטסטע גייסטער פון זייער צייט. מען דאַרף גיכער אָננעהמען, דאָס מען האָט זיי אונז שלעכט און להפכ'דיג איבערגעגעבען.

אַזויפיל דעקאַרט. קומט דאָסזעלבע נישט פאָר אויך מיט קינסטלערישע אידעען? אויך מיט די לעהרעס פון עסטעטיק, מעגען אַפילו די כתבים פון די לעהרער גאָרנישט האָבען פערלוירען געגאַנגען? האָבען מיר דאָך דאָ פריהער געזעהן דעם תכלית וואָס עס איז געוואָרען פון אואיילד'ס ווערטער, ווען זיי זענען אַריינגעפאַלען צום רעזשיסער הערמאַן אין מויל אַריין. פון אַ פּאַראַדאָקס האָט ער געמאַכט אַן'אַבסורד.

---

7.

דאַרף דער „דבוק" געשפּילט ווערען רעאַליסטיש אָדער סימבאָליש? איז ה' אַן־סקי אַ רעאַליסט אָדער אַ מיסטיקער? מען קלויבט אינפאָרמאַציעס, מען שטעלט צו ציטאַטען, מען עדות'ט זיך מיט'ן מחבר און מען פעררופט זיך אויף זיין הסכמה. עס געהט אַ געזאַלצענע פּאָלעמיק צווישען די טעאַטער־רעצענזענטען.

דאָך שיינט מיר, אַז ס'איז נאָך אַ פראַגע צי די פראַגע דאַרף גאָר אַזוי געשטעלט ווערען.

אויב איהר דערמאָהנט זיך, הערען מיר בשעת דער סצענע מיט דער דין־תורה אַזאַ מין געשפּרעך צווישען די דינים.

„1־טער דין: איך הער אַ קול, נאָר קיין ווערטער הער איך נישט.

2־טער דין: איך הער ווערטער, נאָר קיין קול הער איך נישט..."

דאָס איז אַן'עכטער מעטערלינק'שער טאָן. גלייך ער וואָלט ווי ער שטעהט און געהט אַריבערגענומען געוואָרען פון מעטערלינק'ס אַ דראַמע. נון, זאָל מען דעריבער דעם „דבוק" אפשר שפּילען אַלס אַ כמו מעטערלינק? און ווען אפילו דער מחבר זאָל האָבען מסכים געווען צו אַזאַ מין זאַך ווי „סימבאָלישע קאָנצעפּציע", איז וואָס פון דעם געדרונגען? פאַר'ן מחבר איז קודם כל וויכטיג, אַז זיין ווערק זאָל איבערהויפּט געשפּילט ווערען. ער



חל'שט צו זעהן זיין טעאַטער־שטיק סצעניש אָביעקטיווירט. דורך דער ביהנע מאַטעריאַליזירט. דער עיקר זענען די סצענישע מעגליכקייטען. לאה זאָל געשפּילט ווערען ווי אַן'עקזאַלטירטע פּערזאָן? — מען דאַרף פּרובען. די און יענע רעפּליקעס פון ר' שמשון'ען זאָלען אַריינגעלעגט ווערען אינ'ם מויל פון משולח? — מען דאַרף פּרובען. דער דריט'ער און פירטער אַקט זאָל פעראייניגט ווערען צוזאַמען? — מען דאַרף פּרובען. ס'איז דער שטאַנדפּונקט פונ'ם עקספּערימענטאַטאָר.

ביידע צדדים — סיי דער צד וועלכער האַלט פאַר רעאַליזם און סיי דער צד וועלכער האַלט פאַר סימבאָליזם — זענען דעריבער נישט גערעכט. לויט מיין מיינונג, קאָן זיך דאָ נישט האַנדלען אין דעם: אויף וויפיל איז אַזאַ אָדער אַנדער אויפפאַסונג די ריכטיגע? עס קאָן זיך נאָר האַנדלען אין דעם: אויף וויפיל איז דאָס בכלל אַן'אויפפאַסונג, אַ ווירקליכע אויפפאַסונג, אויף וויפיל האָט זי אַ ממשות? איז זי עכט? ווירקזאַם? נישט דאָס לאָגישע פון דער אויפפאַסונג איז דאָס וויכטיגסטע, נאָר דאָס קינסטלערישע. נישט דעם אמת, נאָר די קראַפט, די פּאָטענץ, דאָס שעפּפערישע. וואָרום אין דער קונסט גילט דאָס שעפּפערישע אַלס העכסטע וואָהרהייט.

אורטיילען וועגען רעזשי, הייסט שטעלען די פראַגע, וועלכען איינדרוק זי האָט געמאַכט. וואָסערע ווירקונגען האָט זי אַרויסגעבראַכט? פון וועלכען גראַד? מיט וועלכער מאַכט?

ווען דער רעזשיסער גיט נישט קיין זאַך, אויסער פּוסטע הבטחות; אָנשטאָט די קינסטלערישע לייסטונג, קומט די אונסימפּאַטישע פעהיגקייט זיך „מאָדערן" צו אַפּישירען, דאָס אונפערשטענדליכע כפל־לשון: „סטיליזירט און רעזשיסירט' — מעג דאָך אַ רעצענזענט כאָטש זיך שטעלען אויף דער וואַך. אונפערשטענדליך איז דאָס כפל־לשון, ווייל לאָגיש פאַלש. דער רעזשיסער, קאָן אונז געבען אויפ'ן אָרט פון דעם ווירקליכען, לאָמיך זאָגען, דאָס סטיליזירטע. אמת. נאָר דעמאָלט בענוצט ער דעם בעגריף „סטיליזירט" אַדווערביאַל, נישט ווערבאַל אָדער סובסטאַנטיוו, ווי דאָס אַפּישירט זיך דער רעזשיסער הערמאַן. קאָן מען דאָך נישט רעדען פון צוויי אונאָבהענגיגע טעטיגקייטען אָדער אייגענשאַפטען, בעת לאָגיש איז העכסטענס איינע פון זיי דענקבאַר אַלס אונאָבהענגיג.

ביים רעזשיסער קאָן זיין, למשל, דאָס רעזשיסערין אָהן סטיליזאַציע, אָבער ווי זשע איז פאַר איהם אַ שטייגער מעגליך אַ סטיליזאַציע אָהן רעזשי?

---

## 8.

אַנשטאַט סטיליזאַציע גיט דער רעזשיסער הערמאַן דעקלאַמאַציע אָדער — לאָמיך עס ליבערשט אָנרופען מיט'ן ריכטיגען וואָרט — פּסיידאָ-קונסט. דערווירקליכער סטיליזאַטאָר איז דאָ באמת נישט קיין אַנדערער ווי דער אויטאָר ה' ש. אַנ-סקי, ווייל סטיליזירען הייסט נישט נאָר געבען דעם תמצית און דאָס וויזענטליכע: עס הייסט פיל מעהר דערפון, עס הייסט: קאָנסטרואירען — רעקאָנסטרואירען — דאָס גאַנצע. געבען בשלמות יעדע מעגליכקייט. דאָס ווירקליכע איז כמעט קיינמאָל נישט בשלמות. עפּעס איז נישט דערזאָגט, עפּעס געהער נישט צוזאַמען, עפּעס איז נישט אין די ריכטיגע גלייכגעוויכטס-בעציהונגען אָדער אין דער ריכטיגער פּראָפּאָרציע, עפּעס דאַרף איינגעשטעלט ווערען לויט אַנאַנדער סדר, עפּעס איז אָהן אַ פערבינדונג און אָהן אַנ'איבערגאַנג. דער סטיליזאַטאָר קריסטאַליזירט, לייטערט אויס, מאַכט דעם שליף; ער איז דער רעטושער. ביי איהם קומט נישט אַרויס די זאַך ווי אַזוי זי איז, נאָר ווי אַזוי זי זאָל זיין. ער מאַכט די אויספיהרונג פון די מעגליכקייטען. אַזוי האָט עס געקאָנט זיין, אַזוי האָט עס געדאַרפען זיין, אַזוי מוז עס זיין. דערמיט איז נישט געמיינט, אַז דער סטיליזאַטאָר מאַכט אַלץ באריכות, דאָס בעציהט זיך בלויז צו די אַרבייטס-מעטאָדען, צום אַרבייטס-פּלאַן.

העכסט אינטערעסאַנט איז דאָ אין דעם פאַל, וואָס די פּסיידאָ-קריטיק פערטוישט כסדר די יוצרות. דער פּסיידאָ-קריטיקער ווייס נישט פון קיין חכמות. ער האָט שוין אַנ'אויסגעטרעטענעם אַסאָציאַציאָנס-וועג. אַנ-סקי'ס „דבוק" איז פאַר איהם אַ זאַך פון דער יודישער ראָמאַנטיק. ראָמאַנטיק איז נישט רעאַליסטיש (סטיליזאַציע!). דער יודישער ראָמאַנטיקער איז פּרץ. האָבען מיר דאָ אַ פּאַראַלעל צווישען רעאַליזם און סטיליזאַציע, צווישען פּרץ'ען און אַנ-סקי'ן. „וואָס ביי פּרץ'ען איז נאָר אָנגעצייכענט און אָנגעוואונקען, ווערט דאָ



(ביי אַנ-סקי'ן אינ'ם „דבוק" — מ. וו.) ברייט פערטייטשט און ערקלערט", און דאָס א־ז איהם (דעם פּסיידאָ-קריטיקער) „נישט ליב און נישט ניחא", ווייל דער רעאַליזם „נעהמט אַוועק פון אונז די נישט-פערענדיגטע, די ניש־ט-אויסגעפּילטע טענער, וועלכע מיר אַליין ווילען זיך פערענדיגען און אויספּילען".

איז פּרץ נישט קיין רעאַליסט? דער ענטפער דערויף ווערט קלאָר באַלד ווי מען ערקלערט זיך דעם אינהאַלט פון בעגריף רעאַליזם אין געגענזאַץ צום בעגריף סטיליזאַציע. זיין סטיליזאַטאָר, הייסט: בעטראַכטען. זיין רעאַליסט, הייסט: בעאָבאַכטען. פּרץ'עס מאַניער פון די בילדער און נאָוועלען אין זיין חסידיש, מיט'ן ברמיזא-טאָן, מיט די אָבגעהאַקטע ווערטער, דאָס איבערהיפּען און איבערשפּרינגען אין דערצעהלען, דאָס פעהלען פון אַ פּלאַנמעסיגער עקספּאָזיציע אָדער פאַבולע (דערמיט וואָס דאָס ווערט אָנגענומען ווי אַ דבר-הידוע, וועגען וועלכער מען דאַרף נישט אומזיסט פערלירען קיין רייד) — דאָס אַלץ איז נישט קיין סטיליזאַציע. דאָס איז נישט עפּעס אַנדערש ווי בעאָבאַכטונג, אַנ'אויפמערקזאַמע נאָכאַהמוג פון דער ווירקליכקייט, רעאַליזם. דאָס זענען חסידישע טיפּען פון רעאַלען לעבען. טאַקע אין רעאַלען לעבען רעדט דער חסיד בקצור נמרץ, ווייל די אויספיהרליכקייט פּאַסט איהם נישט. צו וואָס זיין אַ מאריך-בדבורים, קוים פערשטעהט מען מיך סיי ווי אויסגעצייכענט און מען ווייס שוין וואָס כ'האָב צו דערצעהלען. פאַר די מטושטש'ע און לייכטזיניגע השגות פונ'ם פּסיידאָ-קריטיקער עקזיסטירט נישט לגמרי אָט דער גאַנצער חלוק. עס זענען פערהאַן די אויסגעטרעטענע אַסאָציאַציאָנס-וועגען. ראָמאַנטיק אַ פערקניפּונגס-אָנהאַלט, וועלכער פיהרט ערגיץ ווייטער. סטיליזאַציע. אַ פערקניפּונגס-אָנהאַלט, וועלכער פיהרט ערגיץ ווייטער. מיסטיק. און קוים מיסטיק, דאַרף אַלצדינג אויסזעהן אָהן געשטאַלט, ווי אַ דמיון, אַנ'אָנדייטונג, אַנ'אָנצוהערעניש.

דעם טעות, וואָס ווערט דאָ געמאַכט, וועט נישט אַזוי שווער זיין צו ענטדעקען. דאָ האָט מען דעם פּועל-יוצא אָנגענומען פאַר דער סבה. דאָס וועזען פון מיסטיציזם איז נישט די נישט-קלאָרקייט, נאָר דאָס נישט-ערקלערליכע, דאָס וואָס דאָס מ סטישע קאָן איבערהויפּט נישט קלאָר געמאַכט ווערען. ווען דער מיסטיקער רעדט האַלבע ווערטער, דריקט זיך אויס מיט דער הילף פון אונגעוועהנליכע בילדער



PJ
51
A
A5
D8

און פערגלייכענישען, בעשאַפט אַ רעטזועלהאַפטען צוזאַמענהאַנג, זוכט זיך צו פערשטענדיגען דורך דעם אונפערשטענדליכען, — מחמת וואָס, מיינט איהר, טוט ער דאָס אַלץ? פשוט מחמת דעם, וואָס מיט קיין שום אַנדערע מיטלען קאָן ער זיך נישט העלפען. דאָס פשוט'ע און געוועהנליכע איז געבליבען שטום פאַר דעם אויסדרוק פון דער מיסטיק. נישטאָ קיין אויסדרוקס-מיטעל. איז עס אַזאַ איינעם ווי מייסטער עקאַרט, אָדער אַזאַ איינעם ווי יאַקאָב בעהמע, אָדער אַזא איינעם ווי עמנואל סוועדענבאָרג נישט געלונגען בשום אופן דאָס אונבעגרייפליכע קלאָר צופאַסען, אַפשיטא שוין אַז דאָס וועט נישט געלונגען אונזער איינעם נישט פון זייער גראַד.

אויב איין מאָל האָט דער פסיידאָ-קריטיקער נישט געמאַכט קיין חלוק דאָרט ווי ער איז דאָ צו מאַכען, מאַכט ער אָבער אַ צווייט מאָל דאָרט אַ חלוק, וואו ער איז צו מאַכען גראָד נישטאָ. שולדיג זענען אויך אין דעם פאַל די אויסגעטרעטענע אַסאָציאַציאָנס-וועגען. דער „דבוק" איז אַ דראַמאַטישע לעגענדע (אַזוי וויל האָבען דער מחבר). ווייס שוין דער ה' ב. קאַרלינױס (דער פסיידא-קריטיקער) דערין בעשייד. דבוק — נשמה פון אַ געשטאָרבענעם אַלס אָביעקט פון דער ווירקליכקייט — לעבען — טויט — לעגענדע — רעליגיעזע אויפפאַסונג — מיסטיק — לאַנגאָניגער גלויבען — מיטאָס — רעליגיעזער (!) מיטאָס.

שוין נישט צו רעדען דערפון, וואָס דער גאַנצער ענין פון „דבוק" האָט מיט'ן מיטאָס גאָר קיין שייכות נישט, אַפילו נישט קיין סימן פון אַ שייכות (איך מייד דאָ אויס אַריינציגעהן אין פרטים און צו מאָטיווירען, ווייל דאָס וואָלט מיך צו ווייט פערפיהרט), געפינט ער, דער ה' ב. קאַרלינױס, אינ'ם מיטאָס פערשידענערליי אייגענשאַפטען. זענען עס אָבער אונטערשיידונגען אָהן אַ וועלכע עס איז אונטערשיידונג. דער חלוק איז כלל נישט במציאות. זאָגט מען וועגען אַ מיטאָס, אַז ער איז אַ רעליגיעזער, קלינגט עס אונגעפעהר, אַזוי ווי מען וואָלט זאָגען: זיסער צוקער, אָדער: ווינטערדיגער שנעע, אָדער: נאַסער רעגען, אָדער אַצווייפיסיגער מענש. דען ס'איז נישטאָ ממש קיין מיטאָס, וועלכער זאָל נישט זיין רעליגיעז. אַזאַ וואָרט ווי מיטאָס האָט דעם דין פון נאָמינאַ סובסטאַנטיוואַ אַפפעללאַטיוואַ אָדער פון נאָמינאַ סובסטאַנטיוואַ קאָלעקטיוואַ. דאָס פרעדיקאַט איז לחלוטין איבריג.



בכלל בעגעהט זיך דער ה' ב. קאַרלינױס מיט די בעגריפען און מיט די דיפערענצירונגען פון בעגריפען אָהן יעדע פעראַנטוואָרטליכקייט. פערהאַן, למשל, אַ בעגריף: סצענישע קולטור. אַ וויכטיגער בעגריף, אַ בעגריף פון הויכען ווערט, אַנ'אויסנאַהם-בעגריף, אַ בעגריף וועלכען מען קאָן אָנווענדען אין גאַנץ זעלטענע פאַלען. למשל, איהר האָט בדעה נאָכצוזאָגען אַ שבח אַ שוישפּילער ווי מיעטשיסלאַוו פרענקעל פון אַ טעאַטער מיט טראַדיציע ווי דאָס איז דאָס וואַרשאָווער „ראָזמאַיטאָשטשי", אַ פיהרענדע אַרטיסטישע פערזענליכקייט מיט אַ סך הכל פון אַ זעהר רייכע און אַ זעהר בכבוד'ע אַרטיסטישע קאַריערע, אַ טאַלענט פון אַנ'אייראָפּעאישער בעדייטונג, און איהר זוכט פאַר זיינעטוועגען אַ בעגריף, וואָס זאָל דאָס אַלץ צוזאַמען איבערגעבען אין איין וואָרט. נעהמט איהר דאַן דעם בעגריף „סצענישע קולטור" און איהר זאָגט: מיעטשיסלאַוו פרענקעל איז אַנ'אַרטיסט מיט ס צ ע נ י ש ע ר ק ו ל ט ו ר. דער פסיידאָ-קריטיקער ה' ב. קאַרלינױס מאַכט עס פשוט'ער: אין זיינס אַ רעצענזיע לויבט ער נישט מיט עפּעס גרינגערס ווי „סצענישע קולטור" אַ גאָר יונגעטשקען דעביוטאַנט, וועלכער האָט נאָר-וואָס אויף די ברעטער פון דער ביהנע קוים-ערשט געשטעלט דעם ערשטען טריט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען! סצענישע קולטור, פערשטעהט איהר מיך, איז ביי איהם רעכט, עס זאָל עס פערמאָגען אַ פערזאָן, פאַר ועמען דער שטח איבער דער ראַמפּע איז נאָך אינגאַנצען אַ ניי לאַנד און זי פּלאָנטערט זיך נאָך ווי איבריג צווישען די קוליסען.

דאָך ווי מערקווירדיג! דוכט זיך, אויס דער פעדער פונ'ם פסיידאָ-קריטיקער קומען אַרויס די ווערטער אַבסאָלוט אויסגעלעדיגט פון יעדען אינהאַלט, און אַ וואָרט, וואָס האָט געהאַט ביי אייך אַ בעשטימטען אינהאַלטס-ווערט, איז געוואָרען ביי איהם אונבעשטימט אָדער גאָר ווערטלאָז. טרעפט אָבער אַנדערש אויך. אַ וואָרט, וואָס זיין אינהאַלטס-ווערט איז ביי אייך אַנ'אונבעשטימטער, אַ נישט=אויסטייטשבאַרער, איז עס געוואָרען ביי איהם אַזוי בעשטימט, אַזוי דורכזיכטיג, אַזוי קלאָר, אַז נישט-נאָר וואָס ער האָט דאָרט געפונען דעם בעטרעפענדען ווערט, נאָר ער האָט נאָך דאָרט געפונען אַ מעהר ווערט. אָט האָט איהר, למשל, אַ וואָרט: נשמה. וואָס איז דער אינהאַלטס=ווערט דערפון? וואָס איז אַזוינס



PJ
51
A
A5
D8

PJ
51
A1
A5
D8

נשמה? איז די נשמה דאָס וויטאַלע, דאָס לעבען? אָדער איז זי אפשר אַ מין עקסטראַקט פון לעבען? ווער ווייס עס? נון, גראָד דאָס מאָל ווייס דער ה׳ ב. קאַרלינױס די זאַך גאַנץ געניי. אין זיינע אַרטיקלען וועגען „דבוק״ נעהמט ער אויף זיך די אויפגאַבע צו בעווייזען דעם רעזשיסער הערמאַנ׳ס קינסטלערישקייט. און קוים קינסטלערישקייט, קומט שוין צו רייד די נשמה (קונסט — נשמה, אַנ׳אויסגעטרעטענער אַסאָציאַציאָנס-וועג!) זיך פונאַנדערשפרייטענדיג וועגען די נשמה און דער קינסטלערישקייט פון דער רעזשי, שרייבט ער דאָרט, אַז זי — די רעזשי, הייסט עס, — „האָט געזוכט אַרויסצוברענגען דעם עקסטראַקט (?) פון נשמה׳דיגקייט״ (מיין קורסיוו — מ. וו.). אין דעם ווערט פון דעם וואָרט נשמה האָט דער פסיידאָ-קריטיקער נאָך געפונען אַ מעהר=ווערט, דאָס וואָרט: עקסטראַקט. איז עס נישט העכסט אינטערעסאַנט?

אַ וואונדער פונדעסטוועגען, וואָס אַזעלכע גליקליכע רעזולטאַטען בעפרידיגען איהם נישט. ער געפינט נאָך אַלץ נייע מעגליכקייטען אויף צו איבערראַשען. נישטאָ דאָס שטות, וואָס ער זאָל נישט קאָנען דערמיט קאָנקורירען. יעדע געלעגענהייט נוצט ער אויס אום צו געבען אַ פרישע פראָבע פון זיין למדות און דענק=פעהיגקייט. דאָס שענסטע מוסטער פון דעם איז דאָס טאָגע-מוסטער. רעצענזירענדיג אַש׳ס „אמנון און תמר״, שרייבט ער דאָרט צווישען אַנדערע מוסטערהאַפטיגקייטען וועגען אַמנון׳ס נישט מוסטערהאַפטען בעגעהן זיך מיט דער טאָגע. און ער קלערט אייך אויף וואָס דאָס איז פאַר אַ מין מלבוש (וואָס לענגער עס איז, אַלץ כעהר איז עס חשוב). לאָזט זיך אויס, אַז ס׳איז לא היה דברים מעולם. אמנון׳ס איבערוואורף קאָן מען אפשר אָנרופען אדרת, נאָר בשום אופן נישט טאָגע. טאָגע איז אויך אַנ׳איבערוואורף, ס׳איז אַנ׳אויבער בגד פון ווייסען וואָל-שטאָף, אָבער נישט ביי אונזערע אבות אין דער צייט פון מלכות בית דוד, נאָר אין אַמאָליגען רוים ביי די אַמאָליגע רוימישע בירגער. בפרט נאָך איז עס אַ וואונדער, ווען מען נעהמט אין אַכט, אַז אמנון האָט געלעבט מיט שענע עטליכע הונדערט יאָהר פריהער איידער אָט די רוימישע טאָגע איז אויפגעקומען אפילו ביי די רוימער! לויט גרעץ, וועלהויזען, בעצאָלד, האָממעל — האָט דוד געלעבט בערך 1000 יאָהר פאַר קריסטוס. רוים איז ענטשטאַנען ערשט אין 300 יאָהר



שפעטער, בערך 700 יאָהר פאַר קריסטוס. וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג קאָן דאָ האָבען אמנון מיט דער טאָגע? דעם ה׳ רעצענזענט האָט זיך געפּלאָנטערט אין קאָפּ אַ מאמר פון תלמוד מיט׳ן וואָרט תגא (ודישתמש בתגא חלף, אבות פרק א׳ משנה י״ג). איז עס אָבער אַ מאמר פון הלל הזקן, וועלכער האָט געלעבט אַנ׳ערך 1000 יאָהר נאָך אמנון׳ען. אַ חוץ דעם טייטשען עס נישט די יודישע מפרשים: מלבוש, ווי דאָס איז משער און טייטש אויס אַ מאָדערנער למדן, נאָר: קרוין (תגא בלשון ישמאל כתר). אונזער ה׳ רעצענזענט וויל אָבער דאָס אַלץ נישט אין אַכט נעהמען.

נו, גיט ער נישט קיין שענע פראָבע פון זיין למדות און דענק-פעהיגקייט?

---

9.

שפילט איהם דעם רעזשיסער הערמאַן דאָס גליק. אויף זיין מזל העלפט איהם גאָט און אַ מבין פון זיין אייגענער גנאָד (ווידער, נאַטירליך, אַ פסיידאָ-קריטיקער) בעפעסטיגט איהם אויף אַ זיכערער גוט-צוגעגרייטער פאָזיציע, וואו-אַהין עס זאָל גאָר אונמעגליך זיין צוצוקומען. עס הייסט: חמורים, וואָס איהר זענט! ס׳איז דאָך אַ נייע ריכטונג, אַ נייע ווענדונג, ניי-נוסח׳דיגס, רעפאָרם-בעוועגונג. ה׳ דוד הערמאַן ווערט אַוועקגעשטעלט אין דער פאָזע פון דעם נישט אָנערקענטען גאון, ער איז עס דער רעפאָרמאַטאָר פון דער יודישער טעאַטער-קונסט, דער רעוואָלוציאָנער, וואָס מאַכט אַנ׳איבערקעהרעניש. האָט ער דאָך די „ווילנער״ אַרויסגעפיהרט פונ׳ם „דאָרפס-יונג״ און אַריינגעפיהרט צום „דבוק״. וואָס פאַר אַ גרויסער וועג!

מאַ! לעאָן קאָברינ׳ס „דאָרפס-יונג״ איז טאַקע מעהר נישט ווי אַ מעלאָדראַמע. די „ווילנער״ האָבען אָבער דאָרט דערגרייכט צו אַ קינסטלערישער מדרגה פון פולקאָמענהייט, וועלכע איז דערווייל ביז׳ן יעצטיגען אויגענבליק — פון „דבוק״ שוין אָבגערעדט — ביי זיי געבליבען אָהן אַ גלייכען. אַזעלכע געשטאַלטען ווי שניאור׳ס הערש בער, עלמית׳עס נאַטאַשאַ, נאַכבוש׳ס כאַציע און וואַלטער׳ס, חייקע, אַזעלכע געשטאַלטען האָבען שוין די

„ווילנער" נאָך אַמאָל, לײדער מעהר נישט געגעבען. וועגען די
סבות רעד איך נישט, איך שטעל בלויז פעסט דעם רעזולטאַט.
פונ'ם „דאָרפ'ס-יונג" צום „דבוק" איז שוישפּילעריש נישט קײן
טריט פאָראויס, נאָר אַ טריט צוריק. צוויי טריט צוריק. צייכענט
זיך אויס פונדעסטוועגען אינ'ם „דבוק" אַזאַ שוישפּילער ווי דער
ה' זשעלאַזאָ און אַזאַ שוישפּילער ווי דער ה' מאַרעווסקי, איז
דאָך דאָס נישט אַ דאַנק דעם „דבוק'ס" רעזשיסער, נאָר בלויז אַ
דאַנק דעם וואָס גראָד זענען דאָס שוישפּילער מיט אַ זעלבסט-
שטענדיג טאַלענט. און ווירקליך, אַזאַ נישט-זעלבסשטענדיג טאַ-
לענט ווי דאָס איז דער שוישפּילער ה' נאַכבוש, האָט טאַקע אַ
דאַנק דעם רעזשיסער הערמאַן ממש גאָרנישט געקאָנט אויפטון.
ער פיהרט נעבעך אויס זעהר אַ שווערע און זעהר אַנ'אונדאַנק-
באַרע אַרבייט, מעהר גאָרנישט. דאָך לעצטענס לאָזט זיך בעמער-
קען אַ שוואַכע ענדערונג צום בעסערען, ער בעפרייט זיך עטוואָס
פון דעם רעזשיסער הערמאַנ'ס איינפלוס.

טויזענד מאָל רעפאָרמאַטאָר, טויזענד מאָל מיסטיק מיט
סטיליזאַציע, טויזענד מאָל ניי-נוסח'דיגקייט. ווען דער רעזולטאַט
איז פאָרט נישט מעהר ווי אַ „קאַצען-יאָמער". וואָס טויג מיר דאָס
ניי-נוסח'דיגע, אַז עס טויג אויף כפּרות. וואָס פאַר אַ קבצנ'ישער
אינוועטאַר פון מיסטיציזם. דעם רעזשיסער הערמאַנ'ס אָרימע
פאַנטאַזיע בענוגענט זיך מיט דעם, וואָס ער גיט דעם מחבר און
שותּפות אַריין דאָס עלענדע ביסעל גוטס ווי אַ „טויטען-טאַנץ", אַ
שרה בת טובים, אַ פאָר שיר השירים-פסוקים. מיט דער רייכערע
פאַנטאַזיע פון אַ שטראָבל אָדער אַ מייערינג האָט ער לייכט געהאַט
די מעגליכקייט דעם אינוועטאַר אויף אַ סך צו פערגרעסערען.
ער האָט, למשל, געקאָנט אַראָב ברענגען גאַנצע אַרמעען גייסטער,
אָהן אַ צאָהל בעשעפענישען פון דער אַסטראַלער וועלט, דעם
גלגול פון ניסן בן רבקה, סצענעס פון שאול-תחתיה, אַ וויזיע
פון דעם פערשטאָרבענעם מחבר, וויזיעס פון חבוט הקבר, דעם
מלאך-דומה, מלאכי-חבלה, שרפים ואופנים, די פמליא של מעלה.
דער אינוועטאַר האָט, ווי איהר זעהט, געקאָנט אַרויסקומען
אונענדליך רייכער. נאָר רייך צי אָרים, די מעשה איז אָבער וואָס
דאָס אַלץ איז גיכער מיסטיפיקאַציע ווי מיסטיק. פונקטום. דערפון
האָב איך שוין גערעדט און גערעדט.



בכדי צו געווינען אַ ריכטיגע השגה וואָס פאַר אַ סאָרט
רעפאָרמאַטאָר ס'איז דער רעזשיסער הערמאַן, וועט געניגען זיין נאָך
עטוואָס נעהנטער צוצוזעהן ווי אַזוי ער האָט רעפאָרמירט דעם
„דבוק". אַ ביישפּיל: דער מחבר האָט געפונען פאַר נויטיג אַריינ-
צולעגען חנן'ען אין מויל אַריין אייניגע פסוקים פון שיר השירים,
אָבער נישט אין דער שפּראַך פון אָריגינאַל, אין דעם העברעאישען
טעקסט, נאָר אין אַ שענער יודישער איבערזעצונג. און מען דאַרף
משער זיין, אַז דאָס איז ביי איהם נישט געטון געוואָרען דערפאַר,
ווייל דער העברעאישער טעקסט קלינגט נישט שען. ווי אַנ'עכטער
דיכטער האָט אַנ-סקי געפיהלט, דאָס אויב ער וועט אונז געבען די
פערזען פון שיר השירים אין דער אָריגינאַל-שפּראַך, וועלען זיי
נישט מאַכען דעם געוואונשטען איינדרוק, ווייל אין העברעאישען
זענען אונז די פערזען שוין אַזוי היימיש, אַז זיי האָבען אויפגע-
הערט צו ווירקען. דאָס יום-טוב'דיגע איז געוואָרען וואָכעדיג. מיר
זענען טעמפּ פאַר דעם ווירקזאַמען. דאָס ווירקזאַמע קאָן דעריבער
געמאָלט זיין נאָר אין דער איבערזעצונג. די איבערזעצונג ברענגט
נייע עסטעטישע ווירקונגען. דער ה' דוד הערמאַן האָט אָבער
דערפאַר קיין חוש נישט. ער טוט דוקא דאָס, וואָס דער דיכטער
מייד אויס צו טון. ער גיט דעם אָריגינאַל. קומט טאַקע אַרויס
אַ געשמאַקלאָזיגקייט.

נאָך אַ ביישפּיל: אין ערשטען אַקט, בשעת חנן רעדט וועגען דעם וואָס אַזוינס זינד איז, געברויכט ער דעמאָלט די ווער-
טער: „אַ גלוסטונג צו אַ נקבה". האָט ער גענומען, דער ה' הערמאַן
און דאָס וואָרט „נקבה" אויסגעשטראָכען און אָנשטאָט דעם אַריינ-
געשטעלט דאָס וואָרט „אשה". מן הסתם איז ער געווען אין פּחד,
דאָס וואָרט נקבה זאָל נישט בעליידיגען מיט זיין ברוטאַלען, פער-
שייטען קלאַנג, דאָס מאָראַליזירענדע אויער פונ'ם גוט-ערצויגענעם
בעל הבית. נקבה — אַנ'אויסגעלאַסען וואָרט. איז ער עס משלח.
אַ וואָרט ווי אשה קלינגט צניעות'דיג, ווערט עס אויפגענומען מיט
אויסגעשפּרייטע אָרעמעס. אַז מען שמועסט אַ רעוואָלוציאָנער!

אין זיין רעוואָלוציאָנערער פאַטענץ איז שטאַרק פערליבט די
פסיידאָ-קריטיק. ער האָט ווער עס זאָל זיך פאַר איהם איינשטעלען.
אויף אַלע איהרע טענות ענטפערט אייך דער מבין פון זיין אייגענער
גנאָד, דער ה' אַ. פויגעל מיט בעלעטריסטישען סוביעקטיוויזם. צו

וועלכע צרות דאַרף עס דער קינסטלער אַ צווייטענס מיינונג, אַ צווייטענס אורטייל, אַ צווייטענס אָבשאַצונג. נידער מיט די אויטאָריטעטען!

אַ רעוואָלוציע.

משונה זעהט עס אויס נאָר, וואָס ער פרובט עס צו מאַכען דוקא מעשה אויטאָריטעט; דאָך קיין גרויסער מאדים דערמיט איז ער עפּעס נישט. זאָל מיר לוינען דערויף עטליכע ווערטער צו פערלירען. כדאי?

האָב איך שוין געפּועל'ט ביי אַזאַ מין מבין פון זיין אייגענער גנאָד, אַזאַ מין זאַך אַ שטייגער, אַז פרינציפּיעל איז צווישען דעם קינסטלער און דעם נישט=קינסטלער נישט פערהאַן לגמרי קיין שום נפקא=מינה. עס הייסט: סאיז אינגאַנצען מעהר נישט ווי אַן ענין פון אינטענסיוויטעט. עס האַנדעלט זיך נאָר וועגען דער בעדייטונג, וועגען דער ווערט-סקאַלע. לויט זיין ווערט איז יעדער מענש אַ קינסטלער. דער קינסטלער פון בערוף איז עס בלויז צעהן-פאַך, הונדערט-פאַך, טויזענד-פאַך. נון, אויב אַזוי פאַרוואָס זאָל עס מיר אַזוי שווער זיין ביי איהם צו פּועל'ען, אַז מיט פראַגען פון געשמאַק, אָבשאַצונג, מבינות, ווערט-אורטייל, איז פונקט די זעלבע געשיכטע. דאָס אַלץ איז אויך נישט מעהר ווי אַן ענין פון אינטענסיוויטעט, פון גראַד און בעדייטונג. לויט זיין ווערט האָט אַ יעדער איינציגער מענש אַ מיינונג, נאָר די מיינונג פון דעם אויטאָריטעט איז בלויז איבערלעגטער, זיכערער, גרינדליכער, אויסגעפּרובטער, איבערגעזעהנער, ווייט בליקענדער. אויך דער קינסטלער מיט אַ ווערט-אורטייל פון בעדייטונג איז דאָך אַן אויטאָריטעט. דער קאַמף געגען דעם פרינציפּ פון אויטאָריטעט איז דעריבער אַ גרויס טפשות. נויטיג איז דאָ אַ קאַמף גאָר אין אַנאַנדער ריכטונג. דאָס איז דער קאַמף געגען דעם אויטאָריטעטען-גלויבען. דעם בלינדען אויטאָריטעטען=גלויבען, אַנ'ערשיינונג, וואָס האָט דער מענשהייט געקאָסט אַנ'אונגעהערט טייערען פרייז, אַנ'ערשיינונג, וואָס האָט געבראַכט דער וועלט דעם גרעסטען שאָדען. אָט אין דער ריכטונג דאַרף דאָ אַ קאַמף געפיהרט ווערען, נאָר דערצו דאַרף מען האָבען נישט קיין — פסיידאָ-קריטיקער. דער פסיידאָ=קריטיקער איז נאָר אויסען זיין איכקייט, נישט קיין קאַמף.

מיט זיין איכקייט שטעהט דער ה' פויגעל נישט איינזאַם.



ער ווייזט זיך נאָר אַרויס אַלס אַ זעהר אונבעדייטענדער שילער פון זעהר בעדייטענדע לעהרער. דער געדאַנק פון סאָלוס איפּסע — אַלצדינג איז לויטער איכקייט — דאָס איז אַ געדאַנק, וועלכער דינט אַלס הויפּט-יסוד פאַר איינעם פון די פרוכטבאַרסטע פילאָזאָפישע סיסטעמען. נישטאָ ממש נאָך אַזאַ וועלט=אָנשויאונג, וועלכע זאָל זיין אַזוי איינפלוסרייך ווי דער סאָליפּסיזם. עס האָט זיך געקאָנט אויסדוכטען, אַז דאָס אמת'ע עקספּלואַטאַציאָנס-געביט פאַר אַזאַ געדאַנק, איז דאָס געביט פון עסטעטיק, וואו ס'איז כלומר'שט, מאָסגעבענד די סוביעקטיוויטעט. אָבער נאָר כלומר'שט. וואָס איז דער שריפטשטעלער אָהן דעם לעזער? דער שוישפּילער אָהן דעם צושויער? דער קינסטלער אָהן דעם פובליקום?

דערויף האָט דער ה' פויגעל אַ גרייטען תּרוץ. ער מיינט עס אַנדערש. שטאַרקער. טיפער. סוביעקטיוויטעט איז משמע אינטואיציע. וואָס אינטואיציע? ווער אינטואיציע? — גאָר נישט. אינטואיציע. אינטואיציע איז אַ רפואה צו אַלע מכות. איך ווייס נישט וואָס איך רעד — אינטואיציע. איך פערקנויל מיך אין ווידערשפּרוכען — אינטואיציע. איך בין אַנ'עם=הארץ — אינטואיציע. הערמאַן איז נישט קיין רעזשיסער — אינטואיציע. איך בין נישט גערעכט — אינטואיציע. ציפּריאַן נאָרוויד — אינטואיציע. נידער מיט דער לאָגיק! נידער מיט'ן ראַציאָנאַליזם!

זיך נישט אַריינלאָזענדיג אין קיין זייטיגע חקירות, איז מיר אין מיינע אויגען שטאַרק אויפפאַלענד, וואָס דוקא דער פילאָזאָף פון דער אינטואיציע, דער גרויסער העברי בערגסאָן (אַנ'אויטאָריטעט!), בעגרינדעט זיינע טעאָריעס אַזוי לאָגיש, אַזוי ראַציאָנעל. וויפיל שכל! וויפיל שאַרפזין! וויפיל גייסט און אַרגומענטירונגספעהיגקייט! דער סוד דערפון שטעקט אין דעם, וואָס די אינטואיציע איז נישט עפּעס אַזוינס, וועלכעס איז פריהער, פאַר דער לאָגיק, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז שפּעטער, נאָך דער לאָגיק. דאָס איז נישט אַ געגען-לאָגיק; דאָס איז אַנ'איבער-לאָגיק. ערשט דאָרט, וואו יעדער לאָגיק הערט אויף, קאָן זיין אַ רייד פון אינטואיציע. איבער דער לייטער פון ראַציאָנאַליזם פיהרט דער וועג אין הימעל אַריין צו די אינטואיטיווע זעהונגען און ענטפּלעקונגען.

דערמיט זאָלען זיין אָבגעווענדט אַלע בעלעטריסטישע אַרגומענטען פון דעם ה' א. פויגעל. אויך דער בעלעטריסטישער

אַרגומענט געגען דער מאַטעמאַטיק. דאָס געפיהל און דאָס געמי
און די פאַנטאַזיע, אָה, זיי ווילען נישט וויסען פון בעוואוסטויי
אויסגערעכענטקייט, זיכערקייט, בעשטימטקייט, וואָהרהייט. דאָ
איז מאַטעמאַטיק.

ווי נאַיוו איהר זענט, מיין ליבער פויגעל! אויב ס׳איז פער
האַן אויף דער וועלט אַ זאַך פון אמת און אַ זאַך פון בעשטימט
קייט, איז עס נישט עפּעס אַנדערש, נאָר דאָס געמיט, נאָר דאָס
געפיהל, נאָר די פאַנטאַזיע. ווייסט איהר וואָס עס זאָגט דער
גרויסער מאַטעמאַטיקער רעסעל וועגען דער מאַטעמאַטיק? „די
מאַטעמאַטיק — זאָגט ער – איז אַ וויסענשאַפט, וואו מען ווייס
קיינמאָל נישט פון וואָס מען רעדט און צי דאָס וואָס מען זאָגט
איז אמת".

איז זי פאַר אייך, אָט די וויציגע מיינונג, נישט גענוג פּאָ-
פּולער, קאָן איך זי אייך, פאַר אייערטוועגען, פּאָפּולאַריזירען.

נון, איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפצוקלערען דאָס וועזען פון
די פּסיידאָ-קריטיקער און זייערע פּאָלעמישע שטיק, זאָל מיר צום סוף
נאָך ערלויבט זיין זיך צו בענוצען מיט אַ פערגלייך פון דעם
גע‌ניאַלען רענע דעקאַרט. דער פערגלייך געפינט זיך אויפ׳ן זעל-
בען דף פון וואַנען כ׳האָב אייך דאָ פריהער ציטירט זיינס אַנ׳ענט-
דעקונג. דעם פערגלייך ווענדט ער אָן געגען זיינע געגנער מיט
זייערע ז. שגות און פּלפּולים: „אין דערין זענען זיי — זאָגט דע-
קאַרט — ווי אַ ב ל י נ ד ע ר, וועלכער שלאָגט זיך מיט אַ זעהע-
דיגען, און כּדי נישט צו האָבען וועניגער שאַנסען פאַר איהם,
פיהרט ער איהם אַראָב אין דער טיפעניש פון אַ פינסטערען קעלער".

אָט אַזוי זענען זיי די פּסיידאָ-קריטיקער. און פונקט ווי אַ
מאָל דעקאַרט, האָב איך בדעה צו עפענען אַ פענסטעריל און
אַריינצולאָזען ליכט אין יענעם פינסטערען קעלער פון דער פּסיידאָ-
קריטיק. איך מיין אויסצורופען: זעהט, זעהט, דאָס זענען דאָך
בלינדע, שטאָק בלינדע!

◇◇◇